גליון

# באור החיים

יחנא לאור ע"י - איחוד תלמידי וחסידי טאהש

פרשת שופטים - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתצ"ג

הגליון בשבוע זו נתנדב לעילוי נשמת
הרב החסיד ר' חיים יוסף בן הרה"ק רבי מרדכי מ'דעמעטשער זצ"ל
יארצייט חל ביום ו' אלול - ד' כי תצא הבעל"ט
נתנדב על ידי משפחתו החשובה שיחי'
ובזכות זה יתברכו בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבם לטובה אמן סלה

המדור הזה נתנדב ע"י הרב איתמר לייפער שליט"א (קרית יואל)
לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע

### קדושת הלבוש הוא מפריש בין ישראל לעמים

**ולא תקום לך מצבה אשר שנא ה' אלקיך.**

פירש"י הק', אשר שנא, ואף על פי שהיתה אהובה לו בימי האבות, עכשיו שנאה מאחר שעשאוה אלו חק לעבודת כוכבים.

הרי כי אותו הדבר עצמו שהיתה אהובה להקב"ה בימי האבות, והאבות הקריבו הרבה קרבנות לפניו יתברך על מצבה של אבן אחת, אף על פי כן כיון שנעשה חק לכנענים, שנאה הקב"ה בתכלית השנאה, וצותה התורה בלאו ואזהרה, לא תקים לך מצבה אשר שנא ה' אלקיך.

ומטעם זה תיקן הבעש"ט הק', והנהיג לעיקר ויסוד גדול, ענין קדושת הלבוש, להתלבש על פי דרך החסידות, בלבוש המקובל אצל החסידים דייקא, ותלמידיו הקדושים בכל דור ודור מסרו נפשם שלא לשנות את הלבוש הישן אף בזוז כל שהוא, והענין בזה, כי מלבושי החסידים מיוסדים באופן זה, להיות משונה ומובדל ממלבושי הגוים ומנימוסיהם מכל וכל, וזהו שמירה וחומה לאדם, שלא ימשך להתערב בגוים, ושלא יעלה בדעתו למצוא חן בעיניהם ח"ו, כי הלבוש המיוחד לישראל שנואי בעיני הגוי, כי הלכה היא בידוע שעשיו שונא ליעקב, לכן קדושת הלבוש המיוחד לבר ישראל דייקא, היא חומה המפסקת ומבדלת בין ישראל לעמים.

(דב"ק תולדות)

### כשאדם מתקן את מעשיו גורם קירוב הגאולה

**וכל זקני העיר ההוא הקרובים אל החלל ירחצו את ידיהם.**

הראשונים נחתו לבאר ענין מצוה זו מהו, כי בודאי אין עריפת העגלה באה לכפר על החטא של שפיכת דמים, שהרי רש"י הק' מביא מדברי חז"ל שאם נמצא ההורג אחר שנתערפה העגלה הרי זה יהרג, ואם החטא נתכפר כבר, ודאי לא היה הדין להרוג את ההורג אחרי כן, ואם כן על מה באה העגלה לכפר, ועל איזה חטא אמרו "כפר לעמך ישראל".

גם דקדקו המפרשים, על מה שאמר "לעמך ישראל אשר פדית ה'", למה הזכיר כאן מה שה' פדה את עמו, איזה שייכות יש לזה, למצוה עגלה ערופה.

וכתבו הראשונים ז"ל כי טעם ושורש מצוה זו היא, מפני שישראל ערבים זה לזה, ולכן כאשר נעשה רציחת הנפש בישראל, כל זמן שלא עשו דין עם ההורג, שורה קטרוג על כל בני ישראל, אף על אלו שלא הרגוהו, מצד ערבות, כי כל בני ישראל הם אילן אחד ושורש אחד, ובעריפת העגלה באו לכפר את חלק החטא שיש לכל ישראל בזה מצד ערבות, ובאו לבטל בזה כח הקטרוג השורה מכח זה על בני ישראל, וע"ז אמרו "כפר לעמך "ישראל", אבל עצם החטא לא נתכפר בזה, לכן אם נמצא ההורג אחר עריפת העגלה הרי זה יהרג.

וזהו מה שאמר כפר לעמך ישראל "אשר פדית ה'", ללמד שכל ענין פדייתן של ישראל, תלויה ביסוד זה של מצות ערבות, כי אף כאשר חלק מכלל ישראל כבר ראויים להיגאל, עדיין יש עיכוב לזה, מפני צד ערבות של שאר בני ישראל, וכן להיפוך, בזה שאחד מישראל מתקן את מעשיו שיהא ראוי להיגאל, גורם קירוב הגאולה לכל בני ישראל, וכמו שאמרו חז"ל (יומא פ"ו ע"ב) יחיד שעשה תשובה מוחלין לכל העולם כולו.

(פתג"ק ויגש)

**תמים, אויב וועסטו אנפילן יעדע רגע פון דיין לעבן בשלימות, תהיה עם ה' אלקיך, וועט די שכינה רוען אין אלע דיינע מעשים.** (שיח"ק ח"ב תט"ז)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש


המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר אברהם חיים סג"ל קרויס הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת הכנסת בנו הב' אלימלך ישראל מאיר ני"ו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן


## דורך די מעשי בני אדם ווערט געפירט די הנהגת העולם

צדק צדק תרדוף למען תחיה וירשת את הארץ, אשר ה' אלקיך נותן לך.

זענען די מפרשים מדייק אויף די לשון רדיפה וואס שטייט דא, וואס דאס איז נישט די געוועלנליכע לשון המקרא, עס וואלט לכאורה געדארפט שטיין א לשון 'עשי', אדער הליכה, אזוי ווי רש"י הק' איז מפרש אויף דעם פסוק, 'הלך' אחר בית דין יפה.

אויך דארף מען פארשטיין וואס דער פסוק זאגט, אשר ה' אלקיך נותן לך, א לשון הוה, עס וואלט געדארפט שטיין אשר ה' אלקיך נתן לך, אזוי ווי עס שטייט אל הארץ הטובה אשר נתן לך.

נאר מען קען מבאר זיין, לויט ווי די פסוק זאגט, בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ, זאגט רש"י הק' בשביל התורה ובשביל ישראל שנקראו ראשית, דאס מיינט אז די עיקר תכלית בריאת העולם איז געווען אז אידישע קינדער זאלן מקיים זיין די תורה ומצות.

פאר דעם איז די גאנצע סדר הנהגת העולם, און אלע השפעות וואס קומען אראפ אויף דער וועלט, תלוי אין די מעשי התורה והמצות וואס אידישע קינדער זענען מקיים, אז אויב זיי זענען מטיב זייערע מעשים, און זענען מקיים די תורה ומצות ווי עס דארף צו זיין, זענען זיי ממשיך אויף דער וועלט השפעות טובות און גזירות טובות, און אויב חלילה זענען זיי פוגם אין זייערע מעשים, זענען זיי ממשיך אויף דער וועלט גזירות רעות און דינים רח"ל, און אויף דעם זאגט דער פסוק (תהלים קט"ו ט"ז) השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם, אז דער אייבערשטער האט איבערגעגעבן די וועלט ביד בני אדם, אז זיי וועלן עס פירן לויט זייערע מעשים, אזוי ווי עס שטייט אין זוה"ק (ח"ב קס"א) באורייתא איתברי עלמא ובאורייתא אתקיים עלמא.

און דאס איז די כוונה וואס חז"ל זאגן, (סנהדרין ל"ז ע"ב) חייב אדם לומר בשבילי נברא העולם, עס שטייט נישט בשבילי 'ברא' העולם, א לשון עבר, נאר 'נברא' העולם, וואס איז די לשון נברא, קען אויך זיין פשט א לשון הוה, ס'ווערט באשאפן, ווייל די וועלט ווערט שטענדיג באשאפן דורך די תורה ומצות וואס אידישע קינדער זענען מקיים, און דאס איז פשט חייב אדם לומר בשבילי נברא העולם, דאס מיינט, בשבילי, בשביל ודרך שלי, לויט ווי אזוי איך פיר מיר בתורה ובמצות, אזוי ווערט שטענדיג די וועלט באשאפן, אויך קען זיין פשט, בשביל התורה, ובשביל ישראל, דאס מיינט אז מיט דעם שביל און דרך וואס אידישע קינדער זענען מקיים די תורה, ווערט באשאפן די וועלט.

און דאס איז פשט אין פסוק, צדק צדק תרדוף, למען תחיה וירשת את הארץ אשר ה' אלקיך נותן לך, איז פשט אז ווען דו וועסט אנערקענען אז דער אייבערשטער האט דיר איבערגעגעבן די הנהגת העולם בידך, צו עס פירן לויט דיינע מעשים, און נישט אז ער האט דיר עס איבערגעגעבן בעבר, נאר שטענדיג גיבט ער עס איבער אין דיינע הענט צו עס פירן לויט דיינע מעשים, ווען דו וועסט דאס אנערקענען וועסטו לויפן צו מקיים זיין די תורה ומצות, כדי צו משפר זיין און מתקן זיין די הנהגת העולם, און ממשיך זיין השפעות טובות אויף דער וועלט, און מגין זיין אז עס זאל נישט אראפקומען אויף דער וועלט קיין גזירות רעות און נישט גוטע השפעות ח"ו.

און דאס איז פשט אין פסוק, צדק צדק תרדוף, אז דו זאלסט נאכלויפן נאך די קיום התורה והמצות, למען תחיה וירשת את הארץ, כדי דו זאלסט קענען מקבל זיין השפעות וואס קומען אראפ אויף דער וועלט, אשר ה' אלקיך נותן לך, וואס דער אייבערשטער גיבט דיר דאס שטענדיג איבער, צו עס פירן לויט דיינע מעשים.

(עבו"ע פתג"ק)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **ישעיה יצחק גרינוואלד** הי"ו (טאהש)
לע"נ זקינתו האשה החשובה מרת אסתר ב"ר דוד ע"ה - יארצייט ח' אלול
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך.

אין ספר יצירה ווערט געברענגט אז עס איז דא זיבן טויערן ביי יעדע מענטש. דאס זענען די צוויי אויערן, צוויי אויגן, צוויי נאז לעכער, און דאס מויל, וואס דורך די זיבן טויערן גייען אריין די אויסערליכע השפעה אינעם נפש וואס ליגט באהאלטן אינעם מענטש.

דערפאר זאגט די תורה, שופטים ושוטרים תתן לך בכל "שעריך", אז מ'דארף שטעלן היטערם, און אכטונג געבן וואס ס'גייט אדורך די "שערים", ווייל דאס איז זייער האקל פאר'ן נפש.

(של"ה הקדוש)

### ושפטו את העם משפט צדק.

ווען ס'איז דא ווייניג בתי דינים, ווערן אנגעזאמעלט צופיל דין תורות אויף איין פלאץ, און מען מוז פסק'נען שנעלערהייט, און עס קען געשעהן אז מ'זאל נישט פסק'נען מיט יישוב הדעת ווי די הלכה זאגט.

דעריבער זאגט דער פסוק און, "שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך", אז מען זאל זעהן צו האבן אויף יעדע פלאץ בתי דינים, וואס דאס וועט צוברענגען אז "ושפטו העם משפט צדק", אז די דינים וועלן דורכגעפירט ווערן כהלכה, ווייל מ'וועט יעדן דין גרינטליך דורכטון מיט די ריכטיגע התבוננות.

(הגאון ר' שלמה קלוגער ז"ל)

### לא תטע לך אשירה כל עץ.

חז"ל זאגן, אז א דיין שאינו הגון איז גלייך צו אן אשרה בוים, לכאורה דארף מען פארשטיין וואס איז די צוגלייך?

נאר ביי א געווענליכע עבודה זרה קען מען דערקענען אז דאס איז א ע"ז, אנדערש איז ביי די אשירה בוים וואס פון אינדרויסן זעהט דאס אויס ווי א נאטורליך שיינער בוים, אבער בפנימיות איז עס אן ע"ז. דאס זעלבע איז ביי א דיין שאינו הגון, וואס אינדרויסן טראגט ער א פנים פון אן ערליכן, און בפנימיות נארט ער אויס די בעלי דינים.

(הגאון רבי חיים סאלאווייטשיק מבריסק זצ"ל)

### ולא תקים לך מציבה.

א איד דארף געדענקן אז די אלע הנאות וואס ער האט אויף די וועלט איז נאר א צייטווייליגע זאך. דער עיקר איז, וואס ער גרייט זיך אן אויף יענע וועלט.

דאס קען זיין פשט אין פסוק, ולא תקים "לך" מציבה, זאלסט נישט מאכן פונעם "לך" קיין עיקר, נאר דער עיקר זאל זיין ווי מער אנצוגרייטן צום עולם הנצחי.

(קדושת לוי)

### מציבה אשר שנא ה' אלוקיך.

המשך בע' ד



"מציבה", דאס מיינט די אלע וועלכע שטייען כסדר אויף איין פלאץ און מדריגה אין אידישקייט, און שטרעבן נישט צו וואקסן או ארויפגיין העכער און העכער, "אשר שנא ה' אלוקיך", האט דער אייבשטער חלילה פיינט.
(בני יששכר)

## ולבלתי סור מן המצוה ימין ושמאל.

די גמרא זאגט אין מס' סוטה (ד'), אז די וואס האבן אין זיך די מדה פון גאוה, איז גלייך ווי זיי דינען ע"ז ר"ל. אויך איז ידוע אז ענוו איז ווערט אנגערופן "מה", ווי ס'שטייט אין פסוק 'ונחנו מה', קומט אויס אז ווען א איד טוט א מצוה און קומט צו דורך די מצוה צו גיאות, נעמט ער אראפ פון דעם ווארט "מצוה" די אותיות מ"ה, און עס בלייבט נאר די מיטעלסטע אותיות "צו" וואס די גמרא זאגט אין סנהדרין (נ"ו), אז דאס ווארט איז א רמז אויף עבודה זרה, ווייל אז מ'קומט צו דורך די מצוה צו גיאות, איז גלייך ווי מ'דינט עבודה זרה.

דאס איז דער פסוק מרמז, "ולבלתי סור מן המצוה", מ'זאל נישט אראפנעמען פון די ווארט מצוה, "ימין ומשמאל", די רעכטע אות און די לינקע, די אותיות מ"ה, ווייל עס וועט פארבלייבן די אותיות צו, וואס דאס מיינט א עבודה זרה ר"ל.
(חתם סופר)

# א מעשה אויף די פרשה

## כי השוחד יעור עיני חכמים.

א ערליכער רב וואס איז געווען שטארק אפגעהיטן פון שוחד און דערצו געווען א גרויסער ארעמאן, האט אמאל געטייטשט בדרך צחות דאס לשון פון חז"ל (סנהדרין ו') 'אין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות', אז ער האט נישט פון זיין דיינות נאר דאס אז ער קען זעהן, ווייל ווען ער וואלט ווען גענומען שוחד, וואלט ער דאך נישט געקענט זעהן.

*

## על פי שנים עדים.

א קאברינער חסיד איז אמאל געקומען צו הרה"ק רבי מרדכי'לע מ'טשערנאביל זי"ע, האט אים ר' מאטעלע געבעטן ער זאל נאכזאגן א ווארט פון זיין רבי'ן, האט ער אים נאכגעזאגט, אז ווען א איד קומט ארויף אויף יענער וועלט, און דער שטן וויל מקטרג זיין, זאגט מען אים אז אין די תורה שטייט "על פי שנים עדים" און ער איז נאר איינס, אבער ווען איינער רעדט לשון הרע קומט יענער איד אויף וועמען מ'האט גערעדט עדות זאגן, איז שוין דא צוויי עדות, ווערט ער באשטראפט. ווען דער צדיק האט דאס געהערט האט ער אויסגעשריגן: "משה אמת ותורתו אמת".

*

## ושמרת לעשות ככל אשר יורוך.

א געוויסער משכיל איז אמאל געקומען צום גאון רבי ישראל סאלאנטער ז"ל און אים דערציילט, אז ער איז געווען ביי אלע רבנים און באמערקט אז אפי' זיי זענען טאקע גדולים בתורה און חשוב'ע אידן, פעלט זיי אבער דער חלק פון פקחות אויף די וועלטליכע ענינים. אפשר קען דער רבי זעהן עפעס צו טון אויף דעם ענין און דאס מתקן זיין?

ר' ישראל האט אים געענטפערט, "איך בין שוין אן אלטער איד און ס'איז מיר שווער דאס צו פארריכטן, אבער איך האב אן אנדערע עצה ווי אזוי איר קענט יעצט, זיצענדיג דא, אלעס פאררעכטן.

"ווי אזוי", האט זיך דער משכיל געוואונדערט.

"דו וועסט זיצן דא, און אביסל מהרהר זיין בתשובה, וועסטו שוין איינזעהן אז די רבנים זענען אין אלע ענינים אויסגעצייכענט".

*

## לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל.

דער "אבני נזר" איז אמאל געגאנגען באזוכן דעם צדיק הרה"ק ר' יחיאל פון אלכסנדר ז"ל וועלכער איז געווען געבינדן צו זיין בעט, און זיך נישט געקענט באוועגן פון גרויס שוואכקייט. פאר'ן געזעגענען האט אים דער אבני נזר אנגעזאגט אז ער זאל עסן פאר'ן דאווענען צוליב זיין שוואכקייט. ווי עס ווערט דערציילט האט דער גאון יעדן טאג געגעסן פאר'ן דאווענען און געזאגט די ברכה אשר קדשנו במצותיו וצונו לשמוע דברי חכמים.

*

## וחובר חבר... ודורש אל המתים.

הרה"ק בעל מראה יחזקאל פון דעעש ז"ל איז אמאל געווען אין איינע פון די שטעטלעך אין זיבענבערגן אויף א שבת, ווען מ'האט אים געוואלט אויפרופן צו די תורה האבן די גבאים באשלאסן אז מ'קען אים נישט אויסרופן מיטן געווענטליכן טיטול "חבר" וואס מ'רופט אויס יעדן תלמיד חכם, האב זיי אים אויסגערופן יעמוד "החובר חבר", נאכמיטאג ווען ער האט געהאלטן א דרשה האט ער געזאגט בדרך הלצה, "פארמיטאג בין איך געווען א חובר חבר, און יעצט בין איך א דורש אל המתים"...

*

## לא ימצא בך... מעונן ומנחש.

ווען מ'האט געפרעגט דעם גאון ר' מאיר שפירא ז"ל פארוואס ער בויעט אזא הערליכע ישיבה, אין די צייט וואס אין פוילן איז געווען די שטייגער צו לערנען אין שטיבלעך, האט ער ערקלערט, דאס איז געווען גוט אין די דורות הראשונים ווען דאס יראת שמים איז געווען אויפן העכסטן שטאפל, אבער איך זארג מיך אז אויב וועט נישט זיין קיין ישיבות, וועט נאך קומען א צייט אין פוילן ווען מ'וועט פרעגן א שאלה פון א רבי צי דער עוף איז כשר, וועט ער עפענען א חומש און זעהן אויב דער ערשטע אות אויבן איז א "ק" איז דאס כשר, א "ת" טריפה, און איך וויל נישט עס זאלן צוקומען דערצו...

*

## ואל תתן דם נקי בקרב עמך ישראל.

די שטוב פון הרה"ק ר' איציקל קאלישער זצ"ל דער ברודער פון הרה"ק ר"ר מאיר'ל מפרעמישלאן ז"ל איז שטענדיג געווען אפן פאר אדורכגייער. יעדער האט דארט געטראפן אן ארט זיך אפצורוען. איינמאל איז א גוי אנגעקומען און געבעטן עפעס צו עסן. דעמאלטס האט דער רעבעצין פארענדיגט באקן חלות לכבוד שבת, זי האט גאנץ ווייניג חשק געהאט אראפצונעמען פון די שבת'דיגע חלות פאר א גוי, אבער דער צדיק האט איר צוגערעדט זי זאל יא געבן א חלה פאר'ן גוי, און האט איר מסביר געווען "בלוט וועט דערפון נישט רינען". די רעבעצין האט נישט פארשטאנען די פשט פון די ווערטער, אבער זי האט אויסגעפאלגט דעם באפעל פון איר הייליגן מאן.

יארן שפעטער ווען ר' יצחק איז געפארן קיין אונגארן, איז ער דורכגעפארן די קאפאטן בערג, אינמיטן האבן אים די רויבער פארכאפט, און ווי זייער געזעץ מאנט, האט מען געפירט צום הויפט רויבער. דער הויפט רויבער איז געווען דער גוי וועלכער האט געגעסן ביי ר' יצחק. ער האט אים באלד דערקענט און אויסגערופן, דער איד האט מיר אמאל דערהאלטן ביים לעבן, זאל איך אים יעצט צונעמען זיין לעבן? שיקט אים שוין ווייטער! ווען ער איז אהיימגעקומען האט ער געזאגט פאר זיין רעבעצין "געדענקסט כ'האב דיר געזאגט, אז עס וועט נישט גיין בלוט דורכדעם וואס מיר וועלן אויפשניידן די חלה".

# שידוכים (ג)

## פארשידענע שאלות

אין דעם מאמר האבן מיר קלאר געמאכט פארשידענע שאלות וואס עס קען זיך מאכן ביי פרעגן אינפארמאציע ביי שידוכים.

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

### ט

### שאלה: וועלכע חסרונות מעג מען זאגן, און וועלכע טאר מען נישט זאגן, און וועלכע דארף מען זאגן?

**תשובה:** מיר האבן שוין געשריבן אין די פריערדיגע מאמר, אז מען דארף זייער אכטונג געבן נישט צו זאגן קיין שום קלענערע חסרון, ווי למשל זאגן אז ער איז זייער תמימות'דיג, ער איז נישט דער קלוגסטער, אדער ער איז זייער פעט, ער רעדט זייער שנעל, ער איז צו שטיל, ער קען נישט זינגען א.ד.ג., ווייל יעדע מענטש קען האבן קליינע חסרונות וואס שטערט נישט דאס לעבן, און אויב מען זאל דאס זאגן, וועלן מענטשן זיך מונע זיין צו טון די שידוך.

אבער גרויסע חסרונות וואס דאס מאכט שווער דאס לעבן, איז מען מחויב צו זאגן, און מען טאר זיך נישט צוריק האלטן פון זאגן (חפץ חיים ח"ב כלל ט' ציור השלישי אות ה', ואות ד').

און אזוי ווי עס איז זייער שווער צו באשטימען וואס מיינט א קלענערע חסרון, און וואס מיינט א ערנסטע חסרון, דעריבער דארף מען ביי יעדע ספק פרעגן א שאלה, און מען זאל נישט נעמען אויף זיך די אחריות פון ענטפערן וואס מען טראכט ביי זיך.

א פראקטיש עצה ווען מען האט א ספק אויף געוויסע זאכן צי מען דארף זאגן דעם אמת, זאל מען צום ערשט ענטפערן אויף אלע זאכן וואס זענען נישט קיין ספיקות, דאס שענסטע און דאס בעסטע, און אויף די זאכן וואס מען איז מסופק, זאל מען זאגן אז מען ווייסט נישט קלאר, און מען דארף זיך אינטערסירן, און דערצווישן זאל מען פרעגן א שאלה וואס צו ענטפערן.

מיר וועלן אויסרעכענען עטליכע זאכן וואס עס ווערט געברענגט אין די פוסקים.

### י

### שאלה: אויב מען פרעגט צי

# לוח היארצייטן



## יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| ו' אלול | הרה"ק רבי יקותיאל יודא בן רבי אלעזר ניסן זי"ע - מ'סיגוט - ייטב לב | תרמ"ג |
| ו' אלול | הרה"ק רבי גרשון שאול יו"ט בן רבי נתן הלוי זי"ע - בעל תוספות יו"ט | ת"ד |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ג' אלול | הרה"צ רבי מאיר בהרה"צ ר' יצחק אייזיק זצ"ל ראזענבוים מ'זוטשקא קאראקס | תשפ"א | בארץ ישראל |
| ד' אלול | האשה החשובה מרת צירל בת ר' שמואל מאיר ע"ה טירנויער<br>אשת הרה"ג ר' אלימלך שליט"א | תשס"ה | ביה"ח ניו דזערסי (קאסאן) |
| ה' אלול | האשה החשובה מרת אסתר בת ר' אלכסנדר ע"ה דייטש<br>אשת הרה"ח ר' יעקב יודא ע"ה | תשס"ט | |
| ו' אלול | הרב החסיד ר' חיים יוסף ז"ל בהרה"ק רבי מרדכי מ'דעמעטשער זצ"ל<br>אחיו של רביה"ק זי"ע | תשנ"ד | ביה"ח בקרית יואל |
| ז' אלול | הרב החסיד ר' דניאל אברהם בן ר' אשר לעמיל ע"ה זוסמאן | תש"ס | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ח' אלול | האשה החשובה מרת אסתר בת ר' דוד ע"ה גרינוואלד<br>אשת הרה"ח ר' משה צבי ע"ה | תש"ס | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ח' אלול | הרב החסיד ר' יואל משה יצחק בן ר' פנחס זעליג שלום ע"ה פיש | תשפ"ג | ביה"ח בקרית יואל |

## דער בחור איז א תלמיד חכם, אדער א מתמיד א.ד.ג.?

**תשובה:** מען טאר נישט זאגן אויף א בחור אז ער איז נישט קיין תלמיד חכם, אדער ער איז נישט א מתמיד א.ד.ג., און א ודאי נישט אז ער האט א שוואכע קאפ, וויבאלד דאס איז א זאך וואס מען קען אליין מברר זיין, דורך פארהערן דעם בחור, אדער שטעלן איינער זאל אים פארהערן (חפץ חיים ח"ב כלל ט' ציור השלישי אות ו').

## יא
## שאלה: אויב מען ווייסט אז דער בחור האט עובר געווען א געוויסע עבירה, מעג מען דאס זאגן?

**תשובה:** א בחור וואס האט עובר געווען א גרויסע עבירה אין זיין יוגנד, און ער האט תשובה געטאן, און פון דעמאלטס אן האט מען נישט געהערט אויף אים קיין שלעכטס, טאר מען דאס נישט דערציילן, אדרבה מען מעג אפילו צו רעדן צום שידוך, אבער אויב ער האט עטליכע מאל געזונדיגט, און מען ווייסט נישט אויב ער האט תשובה געטאן, דארף מען דאס דערציילן, מען זאל אין אזא פאל פרעגן א שאלה (שו"ת מנחת יצחק ח"ו סי' קל"ט).

## יב
## שאלה: אויב מען ווייסט אז אין די שטוב פונעם בחור גייט מען נישט בצניעות, אדער די מיידל גייט נישט אנגעטון בצניעות, מעג מען דאס זאגן?

**תשובה:** אויב אין שטוב פונעם פון בחור אדער מיידל פירט מען זיך נישט בצניעות, און כל שכן אויב די מיידל אליין גייט נישט בצניעות, מעג מען דאס זאגן (חפץ חיים ח"ב כלל ט' ציור השלישי אות ז').

## יג
## שאלה: אויב מען ווייסט אז דעם בחור וואס מען טראגט אן האט דיעות פון אפיקורסות רח"ל, דארף מען דאס זאגן?

אויב מען ווייסט זיכער אז דער בחור אדער מיידל זענען אפיקורסים, דארף מען דאס זאגן אפילו ווען מען ווייסט זיכער אז צוליב דעם וועט נישט ווערן דער שידוך.

אבער אויב מען האט געהערט פון אנדערע און מען ווייסט נישט זיכער, זאל מען נישט זאגן אויף זיכער (חפץ חיים שם הערה ט', וי"ז).

## יד
## שאלה: אויב דער בחור אדער מיידל האט געזונטהייט פראבלעמען מעג מען דאס זאגן?

**תשובה:** אויב מען טראגט אן אזא שידוך, וואס די בחור אדער די מיידל האט א קראנקייט רח"ל, מעג מען דאס זאגן נאר מיט די קומענדיגע תנאים:

א) עס איז א ערנסטע קראנקהייט, אבער אויב עס איז נאר אזא געזונט פראבלעם, וואס מען קען דאס לייכט באהאנדלען, טאר מען נישט זאגן.

ב) מען ווייסט דאס פאר זיכער, און נישט בלויז געהערט פון אנדערע.

ג) מען זאל נישט גרעסער מאכן די קראנקייט מער ווי עס איז (חפץ חיים ח"ב כלל ט' ציור השלישי אות ו').

עס איז ראטזאם אין אזא פאל זיך דורך צו שמועסן מיט א מורה הוראה.

**באמערקונג**

עלטערן דארפן צו וויסן, אז אויב דער בחור אדער דאס מיידל האט חלילה א ערנסטע מחלה, טארן זיי דאס נישט באהאלטן, נאר מען דארף דאס זאגן בעפאר מען מאכט דעם שידוך (שו"ע אבהע"ז סימן ל"ט, ובאוצר הפוסקים שם).

## טו
## שאלה: אויב עס איז דא אין די משפחה א חולה נפש (נערוון קראנקייט) מעג מען דאס זאגן?

**תשובה:** אויב עס איז דא אין די משפחה פונעם בחור אדער מיידל, איינע פון די געשוויסטער וואס זענען חולה נפש, דארף מען דאס נישט דערציילן, אויסער אויב מען אינטערסירט זיך דירעקט דערויף, וואס דעמאלטס דארף מען דאס זאגן.

און אויב עס זענען דא אין די משפחה עטליכע וואס ליידן דערויף, דארף מען דאס זאגן אפילו מען האט זיך נישט אינטערסירט דערויף (תשובות והנהגות ח"ב סימן תרכ"ד).

## טז
## שאלה: מעג מען זאגן פארשידענע חסרונות וואס ס'איז דא אין די משפחה פונעם בחור אדער פון מיידל?

**תשובה:** מען טאר נישט רעדן קיין שום שלעכטס, אויף קיין שום מיטגליד פון די משפחה, ווייל עס קען גורם זיין אז דער שידוך זאל נישט ווערן צוליב דעם, און דאס איז בכלל נישט נוגע צום דעם שידוך.



# פתיחת כלים בשבת

בו יתברר האיך לפתוח בשבת כל מין כלי כדרכו ואופנו

נכתב ע"י הרה"ג ר' נתן ירמי' גאלדשטיין שליט"א בעל מח"ס מגדנות נתן

המשך משבוע העבר

## סעיף יט

**א שאכטל רייז-דרים וואס מען עפנט א שטיקל פלעסטיק, און אונטער דעם איז דא א שטיקל זילבער פאפיר וואס פארמאכט די לאך.**



[בילד 1]

מען טאר נישט עפענען די זילבער פאפיר וואס ליגט אויף די עפענונג פונעם פלעשל (צוליב די איסור פון מאכן א פתח).

**עצה א:** מען זאל מאכן א לאך אין די פלעשל, און איבערגיסן די גאנצע זאך צו א אנדערע כלי, און אוועקווארפן די פלעשל.

**עצה ב:** (א גרינגערע עצה אז ער זאל נישט דארפן אלעס אויסגיסן) מען זאל מאכן א לאך אין די פלעשל, און מען זאל ארויסגיסן איינס אדער צוויי כוסות וויפיל מען דארף פאר שבת (און מען זאל מער נישט נוצן דעם לאך), און נאך שבת זאל מען עס עפענען אויף די געהעריגע פלאץ.

## סעיף כ

**א שאכטל רייז-דרים, וואס האט א פלעסטיק דעקל וואס איז באהאפטן צו די פלעשל, און אונטער די דעקל איז דא א שטיקל זילבער פאפיר, און ווען מען עפענט די דעקל רייסט זיך אפ פון די פלעשל סיי די דעקל און סיי די שטיקל זילבער פאפיר.**




[בילד 2]

עס איז אסור עס צו עפענען אויף די געווענליכע פלאץ (צוליב די איסור פון מאכן א פתח).

**עצה א:** מען זאל מאכן א לאך אין די פלעשל, און אריבערגיסן די גאנצע רייז-דרים אין אן אנדערע כלי, און אוועקווארפן דאס פלעשל.

**עצה ב:** (א גרינגערע עצה אז מען זאל נישט דארפן אלעס אויסגיסן) מען מאכט א לאך אין די פלעשל, און מען נעמט ארויס נאר וויפיל מען דארף אויף שבת, און נאך שבת זאל מען עפענען די דעקל ביי די געווענליכע עפענונג.

## סעיף כא

**קאפאטשינא, וואס האט א פלעסטיק דעקל וואס איז באהאפטן צו די באקס מיט א זילבער פאפיר אונטער דעם, אזוי ווי די רייז-דרים אין סעיף כ'.**




[בילד 3]

עס איז מותר צו עפענען אויף די געווענליכע וועג, אבער נאר אויב מען טרונקט עס אויס אינגאנצן און מען לייגט גארנישט אוועק (זעה פרק ג' סעיף ג')[1], אויך זאל ער מער נישט נוצן די דעקל (אפילו נישט צו פארמאכן אינמיטן טרונקען) נאר ער זאל עס אוועקווארפן (אויב טרונקט מען נישט אויס די גאנצע אויפאיינמאל, איז די הלכה אזוי ווי ביי רייז-דריעם אויבן אין סעיף כ').

## סעיף כב

**עפענען טשאקאלאד וואס איז ארומגעוואונדן מיט א פאפיר.**




[בילד 4]

מען טאר נישט עפענען די פאפיר דארט וואו עס איז צוזאמגעקלעבט.

**די עצה:** מען זאל צורייסן אדער צושניידן די פאפיר נישט דארט וואו עס איז צוזאמגעקלעבט, און נישט דארט ווי עס איז דא אותיות, און מען זאל ארויסנעמען די גאנצע טשאקאלאד און אריינלייגן און א אנדערע **בעג** (זעה ווייטער פרק י"ג סעיף ח' צו מען מעג אראפברעכן שטיקלעך טשאקאלאד צוזאמען מיט די זילבער פאפיר דערויף).

1 ווייל ביי אן עפענונג וואס מען נוצט נאר איינמאל איז נישט דא קיין איסור פון מאכן א "פתח" (זעה פרק ג' סעיף ג).

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

המדור הזה נתנדב ע"י הרב **אפרים יואל פיש** שליט"א (מאנסי)
לרגל שמחת תגלחת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## כי יפלא ממך דבר למשפט וגו' ובאת אל הכהנים וגו' ודרשת והגידו לך את דבר המשפט.

הרה"ק מ'שינאווא זי"ע האט אמאל געוואלט פרעגן זיין שווער דער הייליגער אר"י דבי עילאי זי"ע וואס ער האלט איבער די ענין פון תעניתים, ווען ער איז אריינגעקומען צו זיין שווער, האט זיין שווער געהאלטן אינמיטן רעדן מיט איינעם, און אינמיטן די שמועס האט זיך דער אר"י דבי עילאי אנגערופן און געזאגט "פאסטן אז מען קען מהיכי תיתי, אבער נישט דאס איז דער עיקר", ווען דער הייליגער שינאווער רב האט דאס געהערט איז אים שוין אלעס קלאר געווארן, און ער האט שוין גארנישט געדארפט פרעגן.

דאן האט דער שינאווא'ר רב געטייטשט אין פסוק "כי יפלא ממך דבר למשפט וגו' ובאת אל הכהנים וגו' ודרשת והגידו לך את דבר המשפט", לכאורה וואלט געדארפט שטיין "ודרשתם" ענק זאלן גיין פרעגן די צדיקים, פארוואס שטייט ודרשת, נאר וואס דען, ובאת אל הכהנים מיינט אז מען זאל גיין צו די צדיקים און הערן זייערע רייד, און דורך דעם גייט מען אליינס פארשטיין ווי אזוי זיך צו פירן, און דאס מיינט ודרשת, ווייל דו וועסט אליין פארשטיין פון די צדיק'ס רייד ווי אזוי זיך צו פירן, אן דעם וואס דו זאלסט אים אפילו דארפן פרעגן.

*

ווען דער הייליגער ישמח משה זי"ע איז געקומען צו פארן דעם ערשטן מאל צו זיין הייליגן רבי'ן דער חוזה פון לובלין זי"ע נאך פאר ער איז נתקרב געווארן צו חסידות, איז אים שווער געווען עטליכע זאכן, און ער האט דאס געוואלט פרעגן פונעם הייליג'ן חוזה זי"ע, און דאן איז אים שווער געווען פארוואס חסידים דרייען זיך אייביג ארום אזוי פרייליך און אויפגעלייגט, אפילו אין די ימי בין המצרים, עס שטייט אין שולחן ערוך "ראוי לכל ירא שמים שיהא מיצר ודואג על חורבן בית המקדש", און אויך איז אים שווער געווען די מימרא אין חז"ל "הבא ליטהר מסייעין אותו", לכאורה וואלט געדארפט שטיין "מסייע אותו" מיט א לשון יחיד, אז דער אייבערשטער העלפט אים צו.

ווען דער ישמח משה איז אריין צו דער חוזה, נאך פאר ער האט געקענט פרעגן סיי וואס, האט זיך דער חוזה אנגערופן צו אים, פארוואס זענט איר אזוי צוטראגן, עס שטייט טאקע אין שלחן ערוך ראוי לכל ירא שמים שיהא מיצר ודואג על חורבן בית המקדש, אבער די חובת הלבבות האט געזאגט "הפרוש צהלתו בפניו ואבלו בלבו", אז פון אינעווייניג אין די הארץ דארף טאקע זיין אבילות אויפ'ן חורבן, אבער אינדרויסן דארף מען ארויסווייזן שמחה, גלייבסט מיר אז אונז פראווענען אויך תיקון חצות מיט בכיות והספד, אבער נאכאלץ איז אלעס בשמחה.

און דער חוזה האט צוגעענדיגט אז עס שטייט אין חז"ל הבא לטהר מסייעין אותו בלשון רבים אז יעדער איינער העלפט אים ארויס, און איך דארף דיר אויך ארויס העלפן, און די ישמח משה האט צוגעקוקט מיט וואונדער צו די רוח הקודש פונעם הייליגן חוזה, אז ער האט אים געענטפערט אויף אלע זיינע קשיות נאך פאר ער האט אים דאס געפרעגט, און דעמאלס איז ער נתקרב געווארן צו חסידות.

*

הרה"ק ר' מאיר'ל מ'פרעמישלאן זי"ע האט אמאל געזאגט פאר איינעם אז ער זאל זיך צוביגן צו די קלאמקע פונעם טיר, ווען יענער האט זיך צוגעבויגן האט ער געהערט ווי א איד זאגט פאר זיין ווייב, אז ער וויל ארויספארן צום רבי'ן, און זי האבן זיך געזעגנט און דער איד איז ארויסגעפארן, א שטיק צייט שפעטער איז דער איד טאקע אנגעקומען קיין פרעמישלאן, און ר' מאיר'ל האט דערמיט געוויזן פאר דעם איד, אז ווען איינער גרייט זיך שוין ארויסצופארן ווייסט ער שוין אז ער קומט און ער האלט אלעס מיט.

*

אויך איז באקאנט אז דער הייליגער סב"ק זי"ע ווען ער פלעגט אויפנעמען מענטשן וואס זענען געקומען מיט בקשות, האט ער זיי אנגעוויזנטשן נאך פאר זיי האבן געענדיגט רעדן.

אויך ביי רבינו הק' זי"ע האט מען אסאך מאל געזעהן, ווען בחורים זענען אריינגעקומען פרעגן שאלות, האט דער רבי' תיכף אנגעהויבן רעדן צו זיי נאך פאר זיי' האבן געפרעגט און במשך די שמועס איז אלעס געווארן פארענטפערט.

בס"ד

ח"ו
שתשתכח
תורה
מישראל
(מאמר דרשב"י)

שלש דרגות לחזרה
לחזור
על מס' ב"ב

א' כל אחד חוזר לכה"פ ב' פעמים
› ציין שחזרת ב' פעמים
ותקבל מתנה חשובה

ב' תחזור על הגמרא עם פ' התו'
› ציין שחזרת על התו'
ותקבל מתנה חשובה

ג' תבחן על הגמרא שקלא וטריא
› תזכור ותבחן הגמ'
ותקבל מתנה חשובה מיד רבינו שליט"א

ובשם השם נעשה ונצליח

# מאנ"ש לאנ"ש

בריוון און מעסעדזשעס
פון אנשי שלומינו
צו אנשי שלומינו

## איבערצוגעבן אייער בריוו

שיקט א בריוו אויף
**פאסט**
11 Van Buren Dr. #205
Monroe, NY 10950

שיקט א
**פעקס**
845.610.8674

לאזט א מעסעדזש אויף
**קול איחוד**
718.451.8674
Ext. 841

**וויבאלד עס נעמט צייט צו מגיה זיין די בריוון אין דעם אפטיילונג כראוי, ביטע אנטשולדיגן אויב זעהט איר נאך נישט גלייך אייער מעסעדזש אדער בריוו אינעם מדור.**

## ספר "א שבת אין טאהש"

אל כבוד המערכת החשובה הי"ו

כ'וויל אויסדרוקן ברבים מיינע טיפע הרגשים צו דעם נייעם ספר "א שבת אין טאהש" וואס איז ארויסגעקומען יעצט צו די יומא דהילולא.

נישט וואוינענדיג אין טאהש, האב איך עס געזען די ערשטע מאל אין ביהמ"ד אברכים זונטאג פארנאכטס, האב איך אויך געהערט פון עטליכע אידן דארט ווי זיי באוואונדערן די שיינע קראנטע ארבעט.

אויך איז צוגעקומען איינע פון די חשובע עלטערע מגידי שיעור און געזען ווי מ'רעדט פון דעם נייעם ספר, האט ער געזאגט דאס און די אנדערע 4 בענדער "דער הייליגער פלאם" זענען א מוסד ספר צוזאמען מיט א חסידיש ספר...

דורכקוקענדיג האב איך געזען אז ס'איז צוזאמגעשטעלט פון וואס חסידים דערציילן, איז טאקע גאר וויכטיג אז יעדער דערציילט זייערע זכרונות, אזוי ארום ווערט אלעס געדעקט ביתר שאת.

ווי אויך וואלט מסתמא געקענט זיין מער דאקומענטן און בילדער ווען יעדער געט ווען איבער מאוצרותיהם, ווייל כ'זעה אז בילדער פון רבי'ן לייגן זיי נישט אריין, כאטשיג ס'וואלט עס געמאכט אסאך רייכער און אינטערעסאנטער, אבער כאטשיג אנדערע זאכן וואס מ'לייגט יא זאל זיין בשפע, ס'זאל פאראייביגט ווערן לנו ולדורותינו זכרו הקדוש.

*

ווי איך זעה איז דער באנד נאר א חלק א', איז טאקע כדאי אז יעדער זאל איבערגעבן פאר די מוציאים לאור שלא יחסר המזג, זיי זאלן קענען דעקן דאס מערסטע וואס ס'איז שייך פון די ליכטיגע שבתים בחצרות קדשינו.

אויפן וועג אהיים קיין ניו יארק האט מיין שכן ממש געהאט טרערן אין די אויגן, זיך דערמאנענדיג פון דעם ספר די לעכטיגע זמנים בהלו נרו על ראשינו, ס'טראגט ממש צוריק אהין, וזכרו לא ימוש מאתנו לעולם.

*

אויך האב איך איינגעהאנדלט דארט דעם נייעם אור כי טוב די ספר "עבודת משולם פייש וזמירות לשבת", וואס איז א גאר גאר וואונדערבארע ארבעט, ממש א שאד אז ס'קומט נישט אן צום עולם, כ'הער אז ס'איז שוין אויך דא אויף שבועות און סוכות, כ'האב עס אבער נאכנישט געזען דארט.

חזקו ואמצו אין די הייליגע ארבעט פון מנחיל זיין תורתו ועבודתו פון רביה"ק זי"ע לדורות עולם.

הצלחה רבה וסייעתא דשמיא

ד. סג"ל






## להיות תמיד בב' כיסויים

**ו. היה נזהר להיות לבוש תמיד עם הכובע העליון על ראשו, הן בברכות ותפילות י) הן בעת לימודו בתורה יא), ואפילו במשך כל היום יב), וכן דרש מתלמידים (ו) להיזהר בזה [ג].**

### מעיינות הלוי

**י)** כ״כ הב״ח (הל' ברכת המזון) הביאו המג״א (סי' קפג ס״ה, סק״ח) וז״ל, אע״פ שראשו מכוסה במצנפת קטנה, אפילו הכי לא יברך בגילוי הראש מפריסת סודר שפורסים על הראש לצניעות, לפי שכיסוי זה מכניע לב האדם ומביאו לידי כוונת הברכה וליראת שמים וכו', לכן כל ירא שמים יהא נזהר בשעת ברכה להתעטף במלבוש העליון, וגם להשים הכובע על ראשו ולא יברך במצנפת קטנה, [ואפילו] כשהוא מברך ביחיד יהא נוהג כך, עכ״ל. וכתב במגן גבורים (סי' צא סק״ג) דמש״כ הב״ח קאי גם לשאר ברכות.

ובחיי אדם (כלל כב סי' ח) כתב, ישים כובע בראשו כדרך שהולך ברחוב, ולא בכובע הקטן שתחת הכובע, עכ״ל. וכתב בהקדמה לספר אור עינים (ח״ב כלל כא), בתפלה ובברכת המזון, לובש על ראשו שני לבושים זה על זה דייקא.

**יא)** כתב בספר נהורא דאורייתא (מאמר ו' פ״ח ד״ה כשישב) וז״ל, כתבו האחרונים, ירא שמים יהא נזהר בשעת ברכת המזון להתעטף במלבוש העליון, וגם להניח הכובע בראשו ולא יברך במצנפת קטנה, כדי שיהא מורא שמים עליו, 'ואשרי למי שעושה כן בלימודו', ע״כ.

ובספר אמרי פנחס (שער סדר היום) כתב וז״ל, הקפיד [הרה״ק רבי פנחס מקאריץ זי״ע] שבעת התפלה יהא על ראשו ב' כובעים, דהיינו או כובע הגדול על היארמילקע, או ב' יארמילקוס, וכמדומה לי שרבי בנימין זאב ז״ל היה מקפיד ע״ז גם בשעת הלימוד, ואפשר גם בשאר פעמים, עכ״ל. ושם (אות קצו) כתב טעם ע״פ סוד דב' מיני כובע הם ב' מיני מוחין.

ובס' שיח זקנים (ח״ד עמ' רנב) מביא בשם הגה״צ מוואדיסלאוו זצ״ל שסיפר בשם רבו ר' וואלפיש תלמיד הרה״ק בעל אבני נזר זי״ע, שהרה״ק בעל אבני נזר למד תמיד כשהכובע העליון על ראשו, ואם היה חם מאוד סגר את הגמרא ופשט את הכובע למשך מינוט או שתים ואז חזר ולבשו ופתח את הגמרא.

ובשו״ת משנה שכיר (יו״ד סי' קסה) כתב, שראה כמה צדיקים שהיו נזהרין ללמוד בהיות הכובע בראשם באימה וביראה, על דרך שכתבו הפוסקים גבי ברהמ״ז. ומסיק שם דבפרט הלומד תורה בפני רבים ודאי ראוי ויאה להיות מלובש הכובע בראש. וכ״כ בספר אלף כתב (אות דש) בשם המהר״ם שיק. ובספר עבודת הלוים (עמ' קטז) הביא שהסב״ק זי״ע היה נזהר והזהיר מאוד ע״ז. וכן איתא בדרכי חיים

### עבודת הלוי

**(ו)** קרה פעם בעיצומו של ימי הקיץ שהתקלקל ה'עיר-קאנדישן' [-מזגן] בהיכל הישיבה גדולה, ונוסף על זה קרני השמש הלוהטים זרחו מבעד החלונות הרבים שבבנין הישיבה והבית המדרש, והחום היה עצום מאד ולא יכלו הבחורים לשאתו, ומחמת כובד החום פשטו את הכובע והמלבוש העליון (חאלאט) בשעת לימודם. כשנתוודע לו מזה כאב לו הדבר מאד, וביקש מהמשגיח שיעורר את הבחורים שלכל הפחות ישתדלו שלא להסיר את הכובע העליון מעל הראש בעת הלימוד.

פעם אחת עבר על יד היכל הביהמ״ד של הישיבה קטנה (שהיה סמוך לחדרו המיוחד בבנין הישיבה), ושמע אמירת קדיש, ונעמד כדי לענות אמן ויהא שמיה רבה, ובהיות כי לא היה אז חבוש בכובעו, הניח ידו על ראשו כשענה אמן, כדי להיות מכוסה עם שני כיסויים, וכשענה יהא שמיה רבה, משך גם את הבית יד שלו על ראשו.

### בארות הלוי

**[ג]** אף באנשים מבוגרים נפרץ דבר זה אף שהולכים עם כיפה, מ״מ לכתחלה צריך לכסות את הראש בשני כיסויים בפרט בשעת לימוד התורה ובשעת התפילה, ודכירנא עד כמה זקיני הק' זי״ע הקפיד, שלא יפשטו את הכובע העליון בשעת הלימוד, ואמר בלשון קדשו, 'אין מיינע יונגע יארן, אז איך האב געזעהן איינעם לערנען אן א הוט, האב איך אים געוואלט צורייסן ווי א פיש', עכלה״ק (דבר״ק ח״א עמ' לד).

## אופן לבוש הכתונת

**ז. הכותנות שלבש היתה ארוכה הרבה עד תחת הברכיים יג, והשרוול שלו היה רחב ללא כפתורים** (הנקרא כהיום חולצות חסידיות) **(ז).**

## קשר שמאל לפני ימין

**ח. כשקשר את המכנסיים העליונים** (שהיה ארוך קצת עד מתחת הברכיים) **קשר קודם את רגל שמאל ואח"כ את רגל ימין יד (ח).**

## חגורה מיוחדת על הטלית קטן

**ט. נהג ללבוש חגורה מיוחדת על הטלית קטן טו).**

### מעיינות הלוי

ושלום (אות רכו).

ובספר שלחן הטהור (מאמר הצניעות פ"ד)כתב, וראיתי צדיקים ואנשי מעשה שלא למדו מעולם בכובע הקטן, הגם שכיסה את כל ראשו וכו'. וגם יש כת חסידים אשר הולכים בשני כובעים קטנים תחת הכובע הגדול ואשרי להם וכו' שלא יסירו הכובע העליון מעל ראשם בשעת הלימוד אף בקיץ ובשעה שהוא חם, כדי לקיים 'למען תלמד ליראה' וגו' (דברים יד, כג).

כי באם הלימוד באופן כזה, אז נקרא "תורה לשמה" ומכניס קדושה ויראת ה' בתוך לבבות העוסקים בה, הגם כי קשה עליו, יעשה למען כבוד שמו יתברך וכו', ואם ירגיל עצמו זה לא יקשה לו אח"כ, והגם שאין אנחנו מרגישים זו המורא, אבל צריך להאמין כי השכינה למעלה מראשינו, כמו שכתוב (ויקרא טז, טז) 'השוכן אתם' וגו', וכל הדברים הללו וכיוצא בהם הוא מובן ונרגש למי שהוא קצת מבעלי דעת, כי באבנתא דליבא תליא.

ובשעה שצריך ליטול הכובע ומצטער ואינו נוטל, יכוין לקיים המצוה 'את ה' אלקיך תירא' (דברים ו, יג), כמו שהבאתי מגדולי המפרשים ומזוה"ק שהטעם של כיסוי הראש הוא בשביל מורא שמים והשראת השכינה על ראש ישראל, עכ"ל.

**יב)** כתב במנהגי מהרי"ו (הערות וציונים אות קכ) שנהגו ב'זידיטשוב' להיות לבוש 'תמיד' עם הכובע והבגד עליון אף בימים החמים ביותר.

והביא סימוכין לזה מגמ' (שבת קנו, ב)בעובדא דאמיה דרב נחמן בר יצחק איתא, כסי רישך כי היכא דתהוי עלך אימתא דשמיא, והקשה המהרש"א, והא שאר אינשי ג"כ צריכים כיסוי ראש כדמצינו 161בגמ' (קידושין לא, א), רב הונא בריה דרב יהושע לא מסגי ארבע אמות בגילוי הראש, ואמר שכינה למעלה מראשי, וא"כ מאי רבותיה דאמיה, ומתרץ דאמיה דרב נחמן בר יצחק דקדקה לכסות ראשו עם סודר, מלבד הכיסוי של ראש, כדמצינו דרבנן היו פורסין ומתעטפין בסודר על רישיהון, מלבד הכיסוי הרגיל דבשני כיסויים מכניע לב האדם יותר ליראת שמים. וכן מבואר בבית יוסף (סי' ח ד"ה מכסה ראש) דדרך הצנועים לילך בכובע על ראשם על כובע התחתון.

ובספר שלחן מלכים על קיצור שו"ע (סי' ג טעם הצבי סק"ח) כתב, דבאמת אין ראיה מהבית יוסף, כי הוא מיירי מענין פריסת סודר על הכובע, ולא כובע על כובע.

אמנם טעם המחמירין בזה כתב האמרי אמת (פרשת בשלח תרפ"ד) וכעי"ז כתב באמרי פנחס (ענינים שונים קצ"ו) כי כיסוי הראש מביא ליראה, וידוע מדברי הזוה"ק דאית יראה עילאה ואית יראה תתאה, ולנגד זה הוא כיסוי הראש בכובע על גבי כובע.

וכדאי להביא שיחה נאה המובא בספר 'דריי וועלטן', שפעם נכנס אצל הגה"ק בעל באר מנחם זי"ע, האפטייקער של עיר קאלוב שהיה יהודי איש פשוט מאוד, והיה אז בימי הקיץ החמים ביותר, כשנכנס תמה על הבאר מנחם מדוע חבוש כובע, הבאר מנחם לא רצה לענות לו, באמרו 'אני מתיירא לענות אותך כי איני רוצה לביישך'. כשראה האפטייקער שיש להבאר מנחם איזה דבר לענות אותו ביקשו מאוד שרוצה לשמוע תשובתו.

נענה לו הבאר מנחם ואמר לו, בודאי הנך רוכש פרה ברשותך, אנא תצייר לי איך נראה הבית ששם אתה מחזיק את פרתך, ענה האפטייקער, הפרה דרה ברפת שמאחורי ביתי ויש לרפת ד' כותלים וגג משופע. המשיך הבאר מנחם ושאל לו, ואתה בן אדם, איך נראה דירתך ששם אתה מתגורר. ענה לו האפטייקער הבית שלי יש לו ג"כ ד' כותלים וגג משופע, רק תחת הגג המשופע יש עוד גג ישר מבפנים, ענה לו הבאר מנחם, האם עכשיו אתה מבין הענין? לבהמה די בגג אחד, אבל לבן אדם צריכים שני גגות אחד מעל מהשני.

**יג)** בספר שלחן הטהור (מאמר הצניעות פ"ה) מביא דכן נוהגים הרבה יראים מטעם צניעות.

**יד)** כ"כ בשו"ע הרב (מהדורא בתרא סי' ב' ס"ד) וז"ל, וכן במכנסים ואנפלאות רגל ימין תחלה, ואם יש בהם קשירה יקשור של שמאל תחלה. וכן כתב היעב"ץ בסידורו.

**טו)** כן כתב הרב בעל התניא בסידורו וז"ל, וכל השיעור הזה של הרוחב ואורך הטלית קטן צריך להיות כולו מופשט ומלביש את האדם בכל השיעור כולו, כמו שכתוב (דברים כב, יב) 'אשר תכסה בה' דייקא, ולא יתקפל ולא יתקמט כלום משיעור הזה, כי מקום הנקפל או הנקמט אינו עולה מן המדה.

וצריך להשגיח על זה תמיד כל הנזהרים לקיים מצות ציצית כל היום, וגם צריך ליזהר להיות שיעור (הט"ק) עם עודף מעט ברוחב הט"ק ולא בצמצום, כי זהו דבר הקשה ליזהר שיהיה מופשט כל כך השיעור כולו ברוחב, עכ"ל. ועיין משנ"ב (סי' טז סק"ד) בשם תשובת בית יעקב (סי' קו).

### עבודת הלוי

**(ז)** והסביר להתלמידים שבח כותנת זו שיש בו שלשה מעלות. א'. מעלת הצניעות שהוא ארוך ומכסה את רוב הגוף כראוי. ב'. שאין כפתורים למטה ממקום החגורה (שיש בזה ענין גדר קדושה כמובא בגמ' שבת קיח ע"ב). ג'. היות שבכותונות הרגילות, השרוולים מצומצמים ונמצא שעל ידי משיכתו על התפילין שבידו גורם לחיכוך בתפילין ומקלקל את ריבוע התפילין (ואכן מאז שהוסדר החסידישע העמדער שהשרוולים שבו רחבים, סבר שמהראוי לא להשתמש בקופסא מפלסטיק המגינה על התפילין, ראה להלן סימן י בעבודת הלוי הערה י).

בעבר לא היה ניתן להשיג סוג כתונת זה רק ליחידים, ולימים שכבר היה ניתן להשיגו ושמע מזה שמח מאד על הבשורה, וכשנכנסו אצלו חבורת בחורים כדי לשמוע ממנו הדרכה, הזכיר בתוך הדברים שהרה"ק רמ"מ מרימנוב זי"ע דיבר מאד נגד המלבושים החדשים והמאדע"ס, ואחד מהמאדע"ס זה כתונת עם כפתורים שלא היה נהוג אין דער היים (רק היו קושרים עם שרוכים), ואז הביע את רצונו שישתדלו ללכת בכתונת המקובל, ואמר שהכינוי 'רעבישע העמדער' לא נכון, רק הם 'חסידישע העמדער', כי כן מהראוי שכל בחור חסיד יתלבש כך.

והוסיף אז ואמר: המעלה מזה הכתונת הוא, שיש לה רק ארבעה כפתורים למעלה, ובחלק התחתון הרי זה חתיכה אחת שזה מעלה מצד קדושה, שאין צריך לסגור כפתורים מתחת החגורה.

כשראה בחור שכפתור העליון של כתונתו פתוח, עוררו לסוגרו, והסביר שלמרות שחסידים ואנשי מעשה עושים כן, כי אצלם אין חסרון בזה מצד צניעות כיון שהם בעלי זקן שמכסה את בשרם, משא"כ אצל בחור שעדיין אין זקנו מלא יש בזה חסרון קצת בצניעות.

**(ח)** בערוב ימיו רצו להתקין לו תמורת החוטים חיבור 'וועלקר"א' [-סקוטש] המתחבר בלי קשירה, וזאת כדי למנוע ממנו טירחת הקשירה, ולא הסכים לזה, ואמר שרוצה לקיים ענין הקשירה בשמאל תחילה כמבואר בשו"ע, וכיון שבמנעליו אין להם חוטים ואינו קושר של שמאל תחילה, ולכן הוא רוצה לקיימו עכ"פ בחוטים שבמכנסים.

זכו לנפשיה, זכו נמי לאחריני

יומא דהילולא קדישא
של מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א
פק"ק קרית טאהש יע"א
ז"ך אב תשפ"ו
פועל'ט אויס אלעס גוטס




# יישר כחכם

## אשרי חלקכם

בעמדינו אחר יום הגדול והנשגב לישועה ולרווחה, יום ההילולא קדישא שעבר בסייעתא דשמיא והצלחה, אלו אישי הציבור עסקנים עליונים ומסורים יעמדו על הברכה, במזמור לתודה בהכרה הערצה והערכה, בשם כל הקהל הקדוש תושבי קריתינו הק' ובשם האורחים מהתם ומהכא, יזמרו וירננו בשיר ושבחה, על פעולותיהם הברוכות בחריצות ונאמנות כדת וכהלכה, אשר הטו שכמם באמונה לשאת ולעמוד בראש המערכה, ולעמוד לימיננו לסדר את המלאכה

# יומא דהילולא קדישא

## של כ"ק מרן רבינו הקדוש והטהור זיעועכי"א

ז"ך מנחם אב תשפ"ו
פה אתרא קדישא קרית טאהש תע"א

בצל קדשו של אבינו רועינו

כ"ק מרן רבינו עטרת ראשינו שליט"א

ויה"ר שבזכות בעל ההילולא קדישא כ"ק מרן רבינו הקדוש
זצוקללה"ה יגן ויעמוד בעד כולנו להתברך ממקור הברכות והישועות,
ולאורו של ממלא מקום קדשו כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
נסע ונלך עדי יוליכינו בקרוב לקראת משיח בן דוד בב"א

## עוסקים בצרכי ציבור באמונה

יעלה ויבוא כל הברכות קדם ידידינו החשובים איש איש כפי מהללו, שעזרו למען הצלחת היום כאו"א כפי יכלתו

מוה"ר **ישראל מרדכי מאירוביץ** הי"ו, הרב **יוסף צבי קליין** הי"ו, מוה"ר **צבי אלימלך עסטרייכער** הי"ו, מוה"ר **זיידא ישראל יצחק מאירוביץ** הי"ו, מוה"ר **ישעי' אשר זעליג ראטענבערג** הי"ו, מו"ה **משולם פייש ליבערמאן** הי"ו, מו"ה **יואל כהנא** הי"ו, מו"ה **שלום בלום** הי"ו, מו"ה **אשר ענזיל סג"ל קרויס** הי"ו, מו"ה **מרדכי הערשקאוויטש** הי"ו, מו"ה **יצחק שמואל שווארץ** הי"ו, מוה"ר **יוסף דוד סג"ל קרויס** הי"ו, מו"ה **צבי פרידמאן** הי"ו, מו"ה **יעקב נחמי' סג"ל קרויס** הי"ו, מו"ה **אברהם זאנוויל יונגרייז** הי"ו, מו"ה **יצחק אייזיק כ"ץ** הי"ו, מו"ה **דוב בער קליין** הי"ו, הבה"ח **אלעזר ארי' יונגרייז** נ"ו, הבה"ח **יעקב יוסף שווארץ** נ"ו, הבה"ח **נתן פייטל שווארטץ** הי"ו, הבה"ח **יהוסף שווארטץ** נ"ו, הבה"ח **בנימין זאב זוסמאן** נ"ו

וכן נעלה על נס הני פרחי העסקנים שעזרו למען הצלחת היום

הבה"ח **שלמה חיים קרויס** נ"ו, הבה"ח **יוסף כ"ץ** נ"ו, הבה"ח **שמשון ווייזער** נ"ו, הבה"ח **יודא הערש לאנדאוי** נ"ו, הבה"ח **נפתלי צבי הכהן ווייס** נ"ו, הבה"ח **יוסף גערטנער** נ"ו, הבה"ח **בערל לייפער** נ"ו.

## בית הלוי נעימות יזמרו

ברכות לרוב יחול על ראשי העסקנים הדגולים

**מקהלות המנגנים בחצרות קדשינו**

בראשות המשורר הראשי

מוה"ר **איתמר ארגעל** הי"ו

ואתו עמו האברכים החשובים היודעים פרק בשיר

מוה"ר **חנוך דוד שלום וויינגארטן** הי"ו, מוה"ר **אליעזר זוסיא סג"ל קרויס** הי"ו, מוה"ר **יוסף אלקנה סג"ל קרויס** הי"ו, מו"ה **מרדכי ארגעל** הי"ו, מו"ה **יוסף בנציון וועבערמאן** הי"ו, מו"ה **יעקב יצחק יואל וויינגארטן** הי"ו, מו"ה **יוסף יחיאל האלפערט** הי"ו, מו"ה **ישראל מינץ** הי"ו, הבה"ח **בנימין פישער** נ"ו

שהטיבו נגן בשיר ושבח לשם ולתהילה

## וכבוד גדול עשו לו

נעלה על נס פעולותיהם הנשגבות של ה'חברה קדישא' דקהלתינו הק' ובראשם

הגאון הגדול

**דומ"ץ קריתינו הק'**

שליט"א

הרב הגאון רבי

**יוסף ישכר בער סג"ל טירנויער**

שליט"א

מנהל רוחני דישיבה קטנה

**ובמיוחד נודה**

האי איש האשכולות העומד במסירות ונאמנות במשך כל השנה למען כבוד מעיין הישועות הציון הק'

הרה"ח ר'

**חנוך דוד שלום וויינגארטן**

הי"ו

**ואתו עמו**

מוה"ר **ישראל אליעזר אייזנער** הי"ו

**וגם לרבות**

מוה"ר **יצחק נחום האמבורגער** הי"ו

זכות הצדיק וזכות הרבים יגן בעדם

## ועד האש"ל

עסקני ועד האש"ל שעסקו בכל מיני נפשם להצלחת האורחים, ובמיוחד האי איש האשכולות, עושה ומעשה למען הכלל והפרט

מוה"ר **שמואל צבי ווייס** הי"ו

שמסר נפשו מנגד, ועשה לילות כימים, לטובת ולהנאת האורחים, להכין חדרי השינה וכל המסתעף וכדו', יותר מכדי יכלתו, וגם לרבות אשר עומד בראש הנהגת בית מדרש הגדול, וסידר הכל עצהיו"ט באופן נפלא ביותר.

## הנה כי כן יבורך

יעלה ויבוא כל הברכות קדם ידידינו המסורים במשך כל השנה,

**הנהלת ישיבותינו הקדושות**

**הנהלת התלמוד תורה**

**הנהלת ביהמ"ד התאחדות אברכים**

**הנהלת ועד שיעורי תורה**

שהיטיבו לסדר כאו"א באופן הראוי לעזור להצלחת היום.

## איחוד תלמידי וחסידי טאהש
## ומערכת באור החיים

מו"ה **ישראל סג"ל קרויס** הי"ו

מו"ה **משולם זושא זילבער** הי"ו

ובמיוחד

מו"ה **אשר אנשיל בערגער** הי"ו

שעומדים כל השנה על המשמר במסירות יתירה ונאמנה בכל פעולות הטובות והברוכות של ה'איחוד', ובמיוחד פעולותם הרבות בעבור הטעלפאן ליין **'קול איחוד טאהש'** להנאת אלפי אנ"ש.

## סעדני ואושעה

אין די מילים להוציא שבח ופאר לידידינו המוכשר, עומד על משמרת הקודש, שר הטבחים בבית המלך

הרה"ח ר' **אהרן מיכאל גבריאל סג"ל קרויס** הי"ו

ואתו עמו בניו היקרים

מו"ה **אלימלך שמשון** הי"ו ומו"ה **משה יודא** הי"ו

שבישלו את הסעודות משך ימי ההילולא לאלפי האורחים, ברוח נדיבה וביד רחבה להחיות בהם נפש כל חי, וגם לרבות

מו"ה **משה אלי' קלאר** הי"ו

מו"ה **דוד דייטש** הי"ו

שעזרו בכל נימי נפשם למען הכלל והפרט

## טוב להודות

**בעלי A&B פיש**

מוה"ר **משה פנחס מאירוביץ** הי"ו

•

**בעלי טאהש גלאט**

מוה"ר **יעקב אהרן הערשקאוויטש** הי"ו

•

**בעלי אלטרא דיסטריבעטער**

## אחרון אחרון חביב

ראש העסקנים בחצרות קדשינו, העסקן הדגול במסירות רבה ונאמנה זה רבות בשנים, ועכשיו הגדיל לעשות עמנו ועמד בראש לסדר הכל עצהיו"ט

מוה"ר **אהרן שווארטץ** הי"ו

אשר נשא בעול מהחל ועד הנה, ותלי"ת שהצליח ד' דרכו לקדש ש"ש באופן מאוד נעלה.

# במקהלות

נייעס, באריכטן
און אנטוויקלונגען,
אינערהאלב

## קהילותינו ומוסדותינו הקדושים

צווישן מקהלת אנשי
שלומינו ברחבי תבל

מאנטריאל:

## היסטארישע מעמד חתימת השטרות וגמר המקח אויפן "שם הבנין דבית מדרשינו אין מאנטריאל" דורך הרבני הנגיד ר' נתן פייטל פאשקעס שליט"א

דעם מיטוואך ראה העעל"ט איז פארגעקומען אן היסטארישע מעמד חתימת השטרות, ווען עס איז געשלאסן געווארן מקח אויפן שם הבנין, פונעם הייליגן נאסטאלגישן ביהמ"ד אהל אלימלך טאהש אין שטאט מאנטריאל - בית מדרשו הראשון של כ"ק מרן רביה"ק זי"ע - דורך הרבני הנגיד המפואר, ראש וראשון לכל קדשי בית תפארתינו, מוה"ר נתן פייטל פאשקעס שליט"א - מפארי וחשובי מתפללי ולומדי בית מדרשינו אין מאנטריאל זה רבות בשנים, וועלכע האט אפגעקויפט די זכות האדיר פאר די פאנטאסטישע סומע פון א מיליאן דאלער לעילוי נשמת זיינע עלטערן החשובים ע"ה. דער הייליגע ביהמ"ד, בית מדרשו הראשון של רביה"ק זי"ע, וועט גערופן ווערן בזכרון קדוש 'ביהמ"ד אהל אלימלך טאהש - בנין פאשקעס' לשמו ולזכרו פון די חשוב'ע עלטערן פונעם נדבן החשוב.

די פאנטאסטישע נדבה האט דער נדבן החשוב זיך אונטערגענומען בפני כבודו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, וועלכע איז ספעציעל אריבערגעקומען אויף א באזוך לרגל די יארצייט פונעם פאטער פונעם נדבן וועלכע איז אויסגעפאלן דעם טאג. און אויפן פלאץ האט דער חשובע נדבן שליט"א אונטערגעשריבן די שטרות, בו ביום פונעם יארצייט, לזכרו הנצח, און א שיינע מעמד לחיים איז פארגעקומען אויפן ארט, ווי רבינו שליט"א האט חותם געווען חתימת יד קדשו, אוןווארעם אנגעוואונטשן פארן נדבן און די בני המשפחה.

די גרויסע זכות פון רבינו הקדוש זי"ע, וועלכע האט מייסד געווען דעם הייליגן בית המדרש און אפגעראכטן זיין הייליגע עבודה בג' עמודי העולם צווישן די הייליגע פיר ווענט יעדן טאג פון די וואך פאר אריבער 12 יאר, און מיר שטייען אצינד געציילטע טעג אפגערוקט צום יומדהל"ק, וועט אודאי מגין זיין פארן חשוב'ן נדבן הרב נתן פייטל שליט"א, עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים, און זעהן נחת דקדושה מכל יוצ"ח עושר ואושר עד ביאת גואל הצדק.

חדר הבן יקיר:

## גייסטרייכע און זעלטן התרגשות'דיגע באזוך פון כ"ק מרן רבינו שליט"א אין חדר 'הבן יקיר' שע"י ת"ת בית יודא ד'טאהש

"הבן יקיר לי אפרים עם ילד שעשועים" - די ווערטער זינגט מען מיט געגועים יעדעס יאר אין די הייליגע טעג. עס ברענגט ארויף די בענקשאפט פונעם "ילד שעשועים" צום הייליגן באשעפער, אז דער אויבערשטער זאל שוין רחמנות האבן און אויפוועקן זיינע רחמים צום ילד שעשועים און אונז אויסלייזן פונעם גלות.

"הבן יקיר לי אפרים עם ילד שעשועים" - די ווערטער טראכט און שפירט יעדער טאטע און מאמע וואס ברענגט אראפ א קינד אויף דער וועלט; זיי גייען אויס צו זען נחת פונעם קינד און אים מגדל זיין לתורה, לחופה, ולמעשים טובים, מיט יראת שמים.

"הבן יקיר לי אפרים עם ילד שעשועים" - די ווערטער ווערן נאך פיל שטערקער געזאגט דורך עלטערן וואס נאכ'ן אראפברענגען דאס קינד און אים שיקן אין חדר אדער אין סקול, זעען זיי איין אז דאס קינד האט באקומען ספעציעלע נסיונות זיך דורכצושלעפן אויף דער וועלט. געוויסע מוטשענען זיך מיט עברי, געוויסע מיט'ן פארשטיין דעם לערנען, געוויסע מיט סאושעל סקילס, געוויסע מיט'ן ארויסברענגען וואס זיי ווילן זאגן, און געוויסע מוטשענען זיך פשוט איינצוזיצן אויפ'ן ארט. די אלע עלטערן זאגן די ווערטער "הבן יקיר לי אפרים עם ילד שעשועים" מיט א פיל טיפערן געפיל, און זיי בעטן זיך אויס אויך צו קענען זוכה זיין צו האבן נחת פון זייער "ילד שעשועים".

"הבן יקיר לי" - די דאזיגע ווערטער זענען אויסגעוועלט געווארן צו טראגן דעם נאמען פונעם הייליגן מוסד "הבן יקיר", וואס איז אויפגעשטעלט געווארן דורך עלטערן וואס האבן איינגעזען די נחיצות הענין. עס איז געווען א שווערע מצב ווען קינדער האבן נישט געקענט באקומען וואס עס קומט זיך זיי, און האבן נישט געהאט די ריכטיגע כלים כדי צו קענען שטייגן און מצליח זיין אין לעבן, וויבאלד זיי האבן דאס נישט געקענט באקומען אין די געווענליכע תלמוד תורות. היות יעדע קלאס אין א געווענליכע ת"ת באשטייט פון צענדליגער תלמידים, איז נישט מעגליך פאר איין מלמד זיך אפצוגעבן מיט יעדן קינד באזונדער.

צוליב דעם זענען די עלטערן אריינגעקומען צום רבי'ן זאל זיין געזונט, - וואס שטייט און שטופט כמלאך האומר גדל און פרובירט אוועקצושטעלן אז יעדער איינער זאל קענען מצליח זיין ווי עס דארף צו זיין, - און זיך אויסגעוויינט אויף זייער מצב, אז דער אייבערשטער האט זיי באשערט אזא נסיון און עס איז נישטא קיין פלאץ וואו מען זאל קענען ארויסהעלפן די קינדער. האט מען בפקודת הקודש פונעם רבי'ן שליט"א, אויפגעשטעלט דעם מוסד מיט א קארגע צוויי יאר צוריק. און ברוך השם, עס האט שוין געברענגט פירות; עס זענען שוין דא קינדער וואס האבן זיך שוין מסדר געווען און אויסגעלערנט אלעס וואס זיי דארפן קענען. ברוך השם, די קינדער

זענען דארט לעבעדיג און בליענד און שיינען ארויס; זיי האבן זיך אנגעהויבן צו אנטוויקלען, און די חלקים וואס זענען ביי זיי ממש געשלאפן, זענען אויפגעלעבט געווארן.

מיט עקסטערע התרגשות'דיגע געפילן איז דער רבי זאל זיין געזונט ערשינען דעם זונטאג נאכמיטאג ארום צוויי דרייסיג אין דעם מקום פון תלמוד תורה הבן יקיר. דארט זענען די קינדער געזעסן און געלערנט, און דער רבי איז אריינגעקומען צוצוקוקן וויאזוי די מלמדים פאקן אריין אין די קינדער תורה, עבודה און יראת שמים. דער רבי האט מיטגעהאלטן ווי זיי קענען שוין חומש, פארשטייען די שרשים און די שימושים פון די ווערטער, - עס מוז עקסטער באטאנט ווערן אז עס זענען פארהאן דארט עלטערע קינדער וואס מיט קוים א יאר צוריק האבן זיי נישט געקענט אפליינען אפילו א ווארט, און יעצט באזיצן זיי שוין א פולע 'אוצר מילים' פון הונדערטער (!) ווערטער וואס זיי האבן קונה געווען מיט א קנין נצחי און האבן די מעגליכקייט צו ליינען און לערנען פליסיג כזקן ורגיל. - דער רבי האט זיי פארהערט הלכות וואס זיי האבן געקענט מיט א מורא'דיגע קלארקייט. וואו דער רבי האט זיך שפעטער אויסגעדריקט אז אזוי וואלט מען געדארפט לערנען אין א געהעריגן חדר, אז די קינדער זאלן באמת ארויסהאבן אלע מקצועות און אלע הלכות וואס מ'לערנט.

נאך א לענגערע צייט וואס דער רבי שליט"א איז געזעסן און געשעפט הויפנס נחת פון זיינע תלמידים הקרואים בנים, איז דער רבי געגאנגען קלאפן א מזוזה אויפ'ן נייעם חדר הלימודים וואס איז אויפגעשטעלט געווארן מחנך צו זיין די הייליגע קינדער. נאכדעם איז דער רבי ארויפגעגאנגען אין עס-זאל פונעם תלמוד תורה, וואו דער רבי האט פאר לענגערע מינוטן געזונגען ווארימע ניגונים אינאיינעם מיט די קינדער. עס איז געווען א גרויסע התרגשות, און אין א זעלטענע איבערגענומענע שריט האט דער רבי געגאסן טייכן טרערן בשעת די קינדער האבן געזונגען "ויזכו בנים ובני בנים עוסקים בתורה ומצוות באמת לשמה". ווי אויך "הבן יקיר לי אפרים אם ילד שעשועים", ויניעו אמות הסיפים. נאכדעם האבן די קינדער זיך ארויסגעלאזט אין א פרייליכן טאנץ אינאיינעם מיט'ן רבי'ן, וואס האט אריינגעבלאזן א פרישע חיות אין די קינדער. דער רבי האט געטיילט לעקעך פאר אלע קינדער און פאר די מסובים, און האט שטארק מחזק געווען די מחנכים און די עסקנים זיי זאלן ווייטער אנגיין מיט זייער הייליגער ארבעט ביתר שאת וביתר עוז.

דארטן אויפ'ן פלאץ האט איינער פון די מחנכים מיטגעטיילט פאר'ן רבי'ן אז יעדן אינדערפרי פארן אנהייבן דעם טאג, זאגן די טייערע תלמידים א קאפיטל תהילים דערביי דערמאנענדיג נעמען פון אידן וואס זענען מחזק דעם מוסד להיפקד בדבר ישועה ורחמים, מיט התרגשות האט דער רבי האט זיך אנגערופן אז ער וויל מען זאל אים אויך אינזין האבן, און האט בכתי"ק אפגעשריבן זיין נאמען אויף א קוויטל און אז די קינדער זאלן עס אינזין האבן.

נאך א לענגערע צייט פון התרוממות און התרגשות, האט דער רבי שליט"א ווידעראמאל געוואונטשן די עסקנים. און איידערן ארויסגיין האט זיך דער רבי אנגערופן, אז די שמחה וואס מען זעט אויף די פנימ'ער פון די קינדער האט זיך אליין געלוינט די גאנצע טרחה און פלאג, און די אלע שווערע כוחות וואס די עסקנים לייגן אריין. און רבינו שליט"א האט צוגעלייגט: "וואויל זענען די וואס האבן א חלק און העלפן דעם מוסד." און וואויל זענען די עלטערן וואס האבן שכל און פארשטייען אז זייער קינד דארף געוויסע הילף; זיי שעמען זיך נישט עס צו געבן, און זייערע קינדער וואקסן אויס און ברענגען צום סוף אסאך תענוג און נחת פאר זייערע עלטערן."

# דברות קודש

## שזכינו לשמוע מכ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

ריש מתיבתא קדישא

# סעודה שלישית שב"ק פר' בהעלותך

אצל השבת לפני הילולא קדישא של רבינו השרף זי"ע

בהיכל ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש - ניו יארק

בלתי מוגה

ח"ב

## מ'דארף בעטן פון השי"ת אז מיר זאלן קענען ארויסברענגען די 'טוב' וואס ליגט אין אונז באהאלטן

דאס איז טייטש, אז דער צדיק וואס האט געזאגט בחייו, ער האט געטוהן בחייו, איז גדולים צדיקים אחר מיתתן - טוט ער ווייטער. און אז ער טוט אזויפיל פאר אונז, זאלט עטס טאקע אנהאלטן, פארשטייט זיך עס איז נישט גרינג, עס איז דא נסיונות, וויאזוי קען מען דאס אנהאלטן. זאל מען דאס וויסן, מ'זאל זיך האלטן שטארק, ווייל דוד המלך ע"ה זאגט אין תהילים קאפיטל כ"ג, האט ער געזאגט, אך טוב וחסד ירדפוני כל ימי חיי ושבתי בבית ה' לאורך ימים. סתם פשט איז, דוד המלך בעט דעם אייבערשטן, מזמור לדוד ה' רועי לא אחסר... כי אתה עמדי, דו ביסט מיט מיר, זאלסטו זעהן די טוב וחסד ירדפוני זאל מיר נאכיאגן כל ימי חיי א גאנץ לעבן, ושבתי בבית ה', מ'זאל קענען זיצן און לערנען די הייליגע תורה.

זאגן די ספה"ק, אך טוב וחסד ירדפוני, דוד המלך האט געבעטן, אך טו"ב, איך בעט דיך נאר די גוטס וואס דו האסט אריינגעלייגט, אז ירדפוני דאס זאל מיך יאגן, דאס זאל מיך ארויסברענגן, און דאס זאל אונז ארויסברענגן פאר כלל ישראל, כל ימי חיי, א גאנץ לעבן זאלן אידישע קינדער זעהן וויאזוי דוד המלך האט געבעטן דאס, אז דאס זאל מען ארויסברענגן, דאס מיינט דעם טוב ארויסצוברענגן, אבער וויאזוי קען מען צו דעם צוקומען, נאר אז ושבתי בבית ה' לאורך ימים, אז מ'זיצט און מ'לערנט די הייליגע תורה, דאס ציעט זיך אויף לאורך ימים.

און דאס איז פאר ענק בחורים, איך זאג עס פאר ענק, איך זאג עס נאכאמאל, איך זאג עס פאר מיר, און איך זאג עס פאר ווער ס'הערט דאס. מ'זאל וויסן, אך טוב וחסד ירדפוני, ווי אזוי קען מען, נאר דורך ושבתי בבית ה', און דאס בלייבט לאורך ימים. פארשטייט זיך ער וויל אויך לערנען, דארף מען בעטן דעם אייבערשטן, אז א מענטש נעמט נישט קיין מעדיצין, קען זיך נישט האלטן, טאמער די יצר הרע קומט צו אים ער שטערט אים, דעמאלטס איז די עצה משכהו לבית המדרש, זאל ער אים אריינגעמען אין בית המדרש, אם פגע בך מנובל זה משכהו לביהמ"ד, ברענג אים אריין אין ביהמ"ד, דארט וועט עס צוגיין. ער זעט די כח התורה די כח התורה וועט אים פארברענען, ווי אזוי איז דאס נאר דורך די הייליגע תורה, און פארשטייט זיך די תורה דארף זיין בקדושה ובטהרה.

## תורה קען מען קונה זיין נאר מיט יראת שמים מיט הייליגע אויגן און הייליגע מחשבות

דער הייליגער חתם סופר ברענגט, אז תורה קען נישט אנקומען, טאמער א איד איז נישט ערליך, ער האלט זיך נישט הייליג מ'דארף האבן הייליגע אויגן, מ'דארף האבן א הייליגע מויל, מ'דארף אכטונג געבן נישט צו פוגע זיין בברית המעור, מ'זאל זיך האלטן ערליך און הייליג, ווען מ'האלט זיך הייליג און ערליך, דעמאלטס קען זיך די תורה אנקלעבן, און מ'זעהט טאקע בחורים יראים ושלמים, מ'זעהט ווי אזוי די תורה קלעבט זיך אן אין ענק, זאל עס זיך ווייטער אנקלעבן, ס'זאל ענק באגלייטן אויף ווייטער אויך.

ברענגט דער הייליגער חתם סופר, ברענגט ער א פסוק וואס שלמה המלך זאגט אין שיר השירים, מה יפו פעמיך בנעלים בת נדיב, בת נדיב ווערט אנגערופן די טאכטער פון אברהם, וואס דאס ווייזט אויף כלל ישראל. זאגט ער מה יפו פעמיך ווי שיין איז ווען פעמיך בנעלים, ס'איז צוגעשפארט, פעמיך מאכט, פ'ה ע' איז ע'נים מ'עור איז די מ' פעמיך ווי שיין איז ווען ס'איז צוגעשפארט די אלע זאכן, טוט שוין טויגן, און אז מ'טוט דאס, אלעם אלעס גייט שוין אנדערש, אלעס! די תורה קומט אריין, די קדושה קומט אריין, די יראת שמים קומט אריין, אלעס איז דא!.

**דורכדעם, ברוך השם מ'האמיר געבויט דא א ישיבה פאר ענק בחורים, כדי די בחורים זאלן קענען קונה זיין תורה בטהרה, מ'זאל זיין יראים ושלמים, מ'זאל נישט זיין ארומגענומען מיט קיין שלעכטס, נאר מיט גוטס דא ארום.** מ'זעהט טאקע דא גארנישט קיין שלעכטס, אבער מ'זעהט דעם הייליגן באשעפער אליין, מ'זעהט ווי די אייבערשטער קוקט אראפ, ער טוט זיך באקרוינען מיט ענק, **רביה"ק טוט זיך אויבן באקרוינען מיט ענק, ביים פמליא של מעלה.** געטס א קוק ער איז דאך געווען א צדיק אמת, געטס א קוק, ס'איז בייגעפאלן אז מ'זאל צושטעלן א ישיבה פאר די קינדערליך זיי זאלן ווייטער אנציען אויף מיין וועג, ס'איז א שטאלצקייט פאר אים אויבן! די שטאלצקייט, מיט דעם האט ער א כח צו ווייזן וואס ער טוט, און ער קען! ער קען מתפלל זיין פאר ענק, און דאס טוט ענק באגלייטן.

## וויבאלד עס איז דא נסיונות ערווארט הקב"ה אונזער עבודה און מסירת נפש

מ'האמיר געזאגט אקדמות מילין, מ'האמיר געזאגט די חידוש, שטייט אז די גוים האבן געזאגט פאר די אידן, מנן ומאן הוא רחומך, מנן, פון ווי איז ער, ומאן, און ווער איז ער, הוא רחומך, דער וועם עטס האטס ליב - דער באשעפער, שפירא בריותא, וואס עטס מאכטס ענק שיין פאר אים, ארום בגינה ספית, עטס קומטס וואוינען צווישן די לייב, ארום בגינה ספית, עטס זענטס ענק מוסר נפש, מדור אריותא, צו וואוינען צווישן לייבן, מ'וואוינט דאך צווישן לייבן, די גוים זענען דאך ממש לייבן, זיי רייסן! זיי ווילן אוועק רייסן די קדושה, זיי טוען אלע מינע זאכן דערצו. די היינטיגע וועלט איז דאך געפערליך וואס גייט פאר!

די אידן האבן געזאגט ניין, איך הער וואס דו זאגסט, אבער אונז קוק מיר, מה רב טובך אשר צפנת ליראיך, פאר אונז איז באהאלטן א גרעסערע זאך, אונז גיי מיר האבן א גרעסערע זאך, ס'איז שווער, די נסיונות זענען זייער גרויס, אבער איין זאך זאלט עטס וויסן, אויב ס'איז נישט דא קיין נסיונות דארף נישט דער אייבערשטער אונז זאל מיר אים דינען, ער האט אויבן אסאך מלאכים און שרפים זיי האבן נישט קיין יצר הרע זיי האבן נישט קיין נסיונות, זיי טוען פאר אים. זיי טוען דאווענען, זיי טוען פאר אים בעטן, נאר דער אייבערשטער וויל אונזער עבודה טאקע ווען ס'איז דא נסיונות. אזוי ווי ס'שטייט, אין שמחה אלא בבשר, שמחה איז נאר ווען מ'עסט פלייש, יא, אזוי זאגט די וועלט. פון אויבן אבער זאגט מען "אין שמחה אלא בבשר, נאר ביי א בשר ודם איז דא א שמחה וואס דער אייבערשטער זעט, די אייבערשטער זעט מ'גייט דורך די אלע נסיונות, די גאסן זענען טריפה, אויף די גאנצע וועלט איז דא געפערליכע נסיונות, אבער בבשר, טאמער איז עס ביי א מענטש א בשר ודם, ער האט נסיונות און ער שטארקט זיך, ער איז זיך גובר דעם יצר הרע, דעמאלטס איז דא א שמחה פאר'ן אייבערשטן", און דאס וויל דער אייבערשטער פון אונז, ס'איז שווער, אבער צום סוף וועט עס זיין זייער זייער גוט, צום סוף וועט קומען דער איין טאג, אחכה לו בכל יום שיבא, ווייל אונז זעמיר שוין בעיקבתא דמשיחא, אונז זעמיר שוין אין די דור פון משיח, אונז זעמיר שוין דורך אלע זאכן, דארף מען זיך נאר זען צו האלטן די קליינע צייט נאך.

אז מ'פארשטייט דאס, א בחור וואס ער דארף טוהן, יעדע מענטש וואס ער האט צו טוהן, ער גייט אריבער די נסיונות און ער שטארקט זיך, קען מען פארשטיין וויאזוי א מענטש קען זיך האלטן.

## פון יעדע מצב איז דא א וועג ארויס! לאז דיר נישט פאלן פונעם יצר הרע און זיינע דיבורים

פארשטייט מען די קשיא, מ'האט געפרעגט, אנכי ה' אלוקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים, מ'האט געפרעגט, לכאורה איז 'אשר בראת שמים וארץ' אסאך א גרעסערע זאך, אז דער מענטש זאל זיך ענדערש צושטעלן צו דעם, אז ער זאל וויסן אז ער דארף אננעמען וואס דער מלך זאגט, וויבאלד ער האט דאך באשאפן די וועלט, די גאנצע יצירה!...

אבער דער אמת איז, אז אשר הוצאתיך מארץ מצרים איז גרעסער פאר אונז! וואס איז די גרעסער'קייט, דאס איז, וויבאלד דער אייבערשטער האט באשאפן די מענטש, נו קען א מענטש זאגן, ער האט מיר באשאפן, ער וויל איך זאל זיין גוט, איך הער... איך פרוביר, ער האט מיך דאך באשאפן, איך הער. צוליב דעם זאגט דער אייבערשטער אנכי ה"א, ווער? אשר הוצאתיך מארץ מצרים! וואס האט ער געטוהן דעמאלטס, ער האט 'אונז' אויסגעוועלט! אונז זאלן מיר זיין סגולה מכל העמים! איין זאך, ער האט אונז אויסדערוועלט! ער וויל אז אונז זאלן זיין זיינע קינדער, ער וויל אונז נעמען פאר א פאלק.

און נאך א זאך פארגעסט נישט, דורך דעם אשר הוצאתיך מארץ מצרים, אז אין מצרים זענט עטס געווען איינגעזינקען אין מ"ט שערי טומאה, מען האט געהאט געוואלדיגע נסיונות! און וואס איז נאכדעם געווען? איך האב ענק ארויסגעברענגט פון

דארט, איך האב ענק אריינגעברענגט אין א מדבר, איך האב ענק געגעבן, מן, באר, שליו. די אלע זאכן האב איך ענק געגעבן. מען האט זיך דארט אויפגעהאלטן, עטס האטס ענק געהאלטן אלע פערציג יאר - האבן ענק זיך דארט געהאלטן. און ביים בארג סיני האב איך ענק געגעבן די תורה! און נאך די גאנצע דורכגאנג וואס אשר הוצאתיך מארץ מצרים, נעמט אריין אין זיך, זאלט עטס וויסן אז די תורה - די לעצטע וואס איך האב ענק געגעבן אין מדבר, דאס וועט ענק האלטן שטארק אויף די אלע זאכן, די אלע נסיונות.

איז אשר הוצאתיך מארץ מצרים: א מענטש שפירט אז ער האט נסיונות, ער איז שוין אזויפיל מאל דורך געפאלן, קומט די יצר הרע און זאגט, עָה, דו וועסט שוין נישט קענען... דו ביסט שוין אזוי טיף, דו האסט שוין געמאכט אסאך עבירות, קוים וואס מען וועט דיר מוחל זיין, דו ביסט שוין צו ווייט. די יצר הרע ארבעט לאז דיך אפ, ניין! אשר הוצאתיך מארץ מצרים, מ'האט דיך ארויסגענומען פון טאקע אזא טיפע בלאטע.

און די אידן וואס זענען געווען אין מצרים, זיי האבן מיטגעמאכט די נסיונות, און טאקע די זענען ארויס פון מצרים, די זענען געווען אין מדבר, און די האבן זיך געשטארקט! די האבן געהאט די מן און די אלע זאכן דארט אין מדבר, און די האבן מקבל געווען די תורה! און דאס גיבט א חיזוק פאר אונז, ווי שטערקער עס זענען די נסיונות, האט דער אייבערשטער געוויסט, און ער האט געזאגט 'איך וויל דיר זאגן אשר הוצאתיך מארץ מצרים', עס איז נישט דא גארנישט נאר איין זאך, זיך מחזק זיין און האלטן שטארק! און דאס דארף מען טוהן.

## מען דארף נעמען די שטארקייט צו באשטיין קעגן אלע שווערע נסיונות פונקט ווי די דור ביי יציאת מצרים

דער אייבערשטער האט געהאלפן ברוך השם, אז עס איז ארויסגעקומען א דור קיין עין הרע, א שיין דור אויף דער וועלט. די כח התורה איז גרויס, די יראת שמים איז גרויס, מ'זאל זען ווייטער אזוי אנצוהאלטן, וועט עס צוברענגן ס'זאל זיין שנעלער גרינגער די ישועה שלימה, מ'זאל שוין קענען זוכה זיין צום גאולה שלימה.

לײדער, מען מאכט דאך מיט אזויפיל, אידישע קינדער גייען אדורך אזויפיל זאכן, זה בכה וזה בכה. אבער פונדעסטוועגן מ'האלט זיך! מ'ווייס מיר, אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, אשר הוצאתיך מארץ מצרים! און אז ער האט זיי ארויסגעצויגן פון אזא טומאה, קענען מיר אונז זיך אויך האלטן אין אונזערע נסיונות, אז זיי האבן זיך געהאלטן קען אונז זיך אויך האלטן, און אז די אייבערשטער האט זיי ארויסגעצויגן, וועט ער אונז אויך ארויסציען! און אזוי קען מען ווייטער אנגיין.

צו דעם דארף מיר דאך איין זאך, תפילה! דאווענען, בעטן דעם אייבערשטן, דער אייבערשטער זאל חונן דעת זיין, דער אייבערשטער זאל געבן כח צו דעם.

## פסח שני איז געגעבן געווארן 'לדורותם' לכל דור ודור, ובפרט פאר אונזער דור בעקבתא דמשיחא

דאס זעהן מיר אין די וואכנ'דיגע סדרה. אין די וואכנדיגע סדרה שטייט די פרשה פון פסח שני. שטייט דארט, אז אידן זענען געקומען צו משה רבינו, זיי האבן געזאגט - אהרן האט געזאגט - רבוש"ע אונז זעמיר געווען טמא, מ'האט נישט געקענט עסן פון קרבן פסח, למה נגרע, זיי האבן געפרעגט דעם אייבערשטן. האט דער אייבערשטער געזאגט, יא, זיי זענען גערעכט! איך גיב זיי א פסח שני, זיי זאלן קענען עסן דעם קרבן פסח.

עס שטייט, וידבר ה' אל משה לאמר, דבר אל בני ישראל לאמור, איש איש כי יהיה טמא לנפש או בדרך רחוקה, לכם או לדורותיכם עשה פסח לה'. דער אייבערשטער האט עס געזאגט פאר משה רבינו, און משה רבינו האט עס איבערגעגעבן. וואס הייסט ער איז בדרך רחוקה, דאס איז טייטש, אז ער איז ווייט פונעם אייבערשטן, דהיינו, אדער איז ער טמא, אדער האט ער געטון א עבירה, ער קען נישט, ער איז נישט הייליג, ער קען נישט געבן די קרבן פסח. און פאר די אידן האט דער אייבערשטער געגעבן די יו"ט פון פסח שני לכם פאר ענק - די דור המדבר, אבער אויך 'לדורותיכם', פאר אלע דורות הבאים! ווען א איד שפירט אז ער איז רחוקה, ער איז ווייט, זאגט דער אייבערשטער לדורותיכם! ממילא, איז די תורה דיר געגעבן געווארן! די גאנצע זאך איז געגעבן פאר די דורות ווייטער, לכל דור ודור אין יעדן דור! וואס הייסט לדורותיכם, או לדורותיכם קומט ווייזן דארט ווי ס'איז דא עיקבתא דמשיחא, דער דור האחרון ער ברענגט ארויס או לדורותיכם ס'איז נישט סתם די דורות דא אין מדבר, לדורותיכם, דעמאלטס וועט זיין א שווערע דור ס'וועט קומען א דור ס'וועט זיין שווער קענט עטס אויכעט עסן דעם פסח! וואס הייסט דאס עסן די פסח, פסח שטייט אז דאס איז, פה סח, די מויל זאל רעדן צום אייבערשטן, די מויל וועט רעדן צום אייבערשטן, דעמאלטס קענט עטס זיין נאנט צום אייבערשטן, וועגן דעם, תפילה איז דאך א לשון פון באהעפטן מ'זאל זיך באהעפטן צום אייבערשטן.

## וואספארא חשובע תלמידים יראים ושלימים פארמאגט רביה"ק זי"ע!

**ברוך השם איך בין דא אויף שבת, איך האב זייער הנאה, איך מוז**

**ענק זאגן די ווארימע תפילה, די לימוד התורה, די גאנצע התנהגות דא, איך האב זיך צוגעקוקט אביסל, מיינע אויגן האבן געזען אביסל, איך האב ב"ה זייער הנאה געהאט, מיין הייליגע טאטע רביה"ק האט זיכער הנאה געהאט, די נאמען פון ישיבה איז טאקע לשמו ולזכרו וואס דאס טראגט די גאנצע זאך, די אייבערשטער האט תענוג דערפון, די אבות הקדושים האבן הנאה, אלע זיידעס, האלטס ענק ווייטער זעט'ס אז עס זאל זיין אלעס מיט א ערליכקייט, תורה מיט יראת שמים, ראשית חכמה יראת השם.**

איך האב געטראכט יא זאגן נישט זאגן... ביי אונז אין ישיבה, ווען א בחור האט געלערנט אן א היט, איז רבינו הקדוש צוגעגאנגען זאגן - ער האט אים פארציילט די מעשה.

דער זיידע - דער עלטער זיידע, האט געזען אמאל איינעם לערנען אן א היט, האט ער אים געקענט צו רייסן ווי א פיש!.... האט ער געזאגט אלץ, עס ווערט געברענגט די מעשה פונעם פעטער דער באר מנחם זצ"ל.



דער באר מנחם האט געוואוינט אין א שטאט, דארט איז דער אפטייקער געווען א שוואכער איד. האט ער געזען אמאל ווי דער הייליגער באר מנחם האט געלערנט מיט א הוט מיט א רעקל מיט די גאנצע זאך מיט די גאנצע מהות, איז ער צוגעגאנגען צו אים געזאגט, רבי פארוואס לערנט איר מיט א היט, ס'איז אזוי הייס, ס'איז זייער ווארעם... שוין. דער באר מנחם האט געוואלט ענטפערן, אבער ער האט געזאגט, ער ענטפערט נישט. דער איד האט געזען אז ער וויל אים עפעס ענטפערן, אבער ער זאגט נישט, האט ער געזאגט, " דער רבי זאל זאגן, דער רבי זאל זאגן" דער באר מנחם זאל זאגן, "נאַ, ס'גוט..." ער האט געמוטשעט אזוי, האט אים דער באר מנחם געזאגט אזוי, "געב א קוק, דו ווייסט א שטאל, ווען מען בויט א שטאל בויט מען פיר ווענט ארום, מען שטעלט די דאך, די דאך איז שיפע, ווידער ווען מען בויעט פאר מענטשן בויט מען א הויז מיט פיר ווענט און אויך מיט א שיפע דאך,, אבער ער לייגט א גראדע דאך אינצווישן, פארוואס, וואס איז די חילוק צווישן א בהמה און א מענטש?" זאגט ער, "א בהמה דארף נישט די צווייטע שטאק, מה שאין כן א מענטש דארף עס האבן" זאגט ער אזוי, "דו פארשטייסט אז א בהמה דארף טאקע נישט נאך א קאפל, אבער א איד דארף זיין צוגעדעקט אינגאנצן אז די תורה זאל בלייבן" ער האט זייער הנאה געהאט דערפון, ער האט טאקע דעמאלטס אנגעפאנגען אזוי גיין, ווען ער האט געדאווענט, ווען ער האט געטוהן הייליגע זאכן פאר'ן אייבערשטן.

עטס קענטס ענק פארשטעלן א איד פון דארט האט יענע צייטן נישט געוואוסט, אבער עטס זענטס ב"ה יראים ושלמים, מען לערנט די הייליגע תורה, מען וויל די תורה זאל בלייבן, זעהטס, זעהטס, זעהטס, מסתמא לערנט מען אזוי, איך האב נישט געפרעגט, נאר איך האב געזען דעם ווארט, איז עס געווען אינטערעסאנט איבער צו זאגן.

## שטארקטס ענק, דאווענטס ערליך, בעטס דעם אייבערשטן, חזק ואמץ!

**טייערע קינדערלעך, לערנטס פלייסיג, האלטס ענק ערליך, עטס זענטס יראים ושלימים, חזק, חזק ואמץ, שטארקטס ענק, דאווענטס ערליך, בעטס דעם אייבערשטן.** בהעלותך את הנרות אל מול פני המנורה איז די טייטש, אז אהרן הכהן גייט און ער נעמט ארויס דעם טוב, ער ברענגט עס ארויס צו ענק, ברענגטס עס, און העלפטס אים צו! דאס וואס די צדיק איז מתפלל, דאס ברענגט עס ארויס. אל מול פני המנורה זאל זיך יעדער בייגן צום פני המנורה צו די ליכטיגקייט, די שיין! פני המנורה מיינט די מנהלים, די משגיחים, די מגידי שיעור. וואס זיי געבן זיך אוועק, זיי טראכטן יעדע מינוט פון טאג, וואו מען גייט, וואו מען שטייט ענקער טובה. טאמער איז דא א פראבלעם מיט דעם בחור ווי אזוי קען מען דאס מסדר זיין.

בעטס דעם אייבערשטן ראה נא בענינו וריבה ריבנו וגאלנו גאולה שלימה מען בעט פאר די גאולה, דאן זאגט דער רבונו של עולם, וריבה ריבנו טאמער קריג איך מיך נישט מיט א מענטש, איך האלט מיך באחדות חברים, מען לערנט צוזאמען אין ישיבה וואס דאס זאל זיין דאס וואס אונז האלטן זיך, מיר שטארקט מען זיך בדיבוק חברים! וריבה ריבנו איז זיך דארפן קריגן מיט'ן יצר הרע, דאס נעם דו אוועק, דאס טוה, דורכ'ן זיך האלטן באחדות. דאס מיינט דאך א ישיבה, מען זיצט און מ'לערנט, די תורה ברענגט חכמה, די תורה ברענגט קנאה... קנאת סופרים תרבה חכמה, א קנאת התורה! עס איז באקאנט, איינער לערנט מער, איינער לערנט ווייטער פון דער צווייטער, מען האלט זיך צוזאמען, דאס ברענגט א געוואלדיגע אחדות.

אז מען טוט דאס, דעמאלטס נעמט דער אייבערשטער נעמט דער יצר הרע ער געבט אים א ווארף אוועק, עטס וועטס זעהן, אמאל זעהט מען עס נאכנישט, מען זעהט עס אביסל שפעטער, עס באגלייט אויף שפעטער אויך.

דער אייבערשטער וועט העלפן אז עטס וועטס טוהן אזוי, אונז וועלן טוהן א אתערותא דלתתא, און אונז וועלן ברענגן דעם ליכטיגקייט פאר'ן אייבערשטן, אזוי ווי ער האט עס געגעבן ביי אונז, ברוך אתה ה' יוצר המאורות, אונז וועלן עס ארויסברענגן מכח אל הפועל, ביז מיר וועלן זוכה זיין צום ביאת גואל צדק ובא לציון גואל בב"א.

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

ראה - ז"ך אב - תשפ"ו לפ"ק

## מיטוואך פר' ראה

פארנאכטס האט זיך דער רבי משתתף געווען ביים שמחת השבע ברכות פון החתן בן הרב יושע בעריש לאנדא שליט"א אב"ד קערעסטיר בבית חותנו אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א. דער רבי האט געטרינקען לחיים און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן ומחותנים ובני משפחה.

## שב"ק פר' ראה

גאר א דערהויבענע שבת לפני הילולא קדישא איז פארריבער בצל הקודש, ווען עס האבן זיך שוין אנגעזעהן הונדערטער געסט פון איבעראל וועלכע זענען געקומען מיטהאלטן דעם שבת פאר די יארצייט, בצילא דמהימנותא קדישא.

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט ביים עמוד, די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, און די נרות שבת, דערנאך געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה, און געוואונטשן א' גוט שבת' להתלמידים הקרויים בנים.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, פאר קבלת שבת איז דער רבי ארויף אויפן ארון הקודש און אויפגעטרעטן מיט דברות קודש מיט גרויס התעוררות, ארומרעדנדיג איבער די גרויסקייט פון דעם שבת, און אויפגעפאדערט די גאנצע ציבור זיך אנצושטרענגען ביתר שאת ועוז צו קומען צו תהלים שבת אינדערפרי, כרצון קדשו ואות נפשו פון רביה"ק בעל ההילולא, וכל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעה תליין.

דערנאך איז דער רבי צוגעגאנגען צום עמוד צו קבלת שבת באש להבה. נאכן דאווענען האט מען געזינגען די 'גוט שבת' ניגון, דערנאך איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א' גוט שבת', און די געסט האבן געגעבן שלום פארן רבי'ן.

⋄

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הרה"ג ר' יעקב יואל רובין שליט"א ראאה"ח עבודת עבודה מאנסי.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, אב"ד נאפקער שליט"א, הרב אלימלך נפתלי הירצקא סג"ל שליט"א פון קרית יואל נכד רביה"ק זי"ע, הרה"ג ר' יעקב ווייס שליט"א פון מאנסי נכד רביה"ק זי"ע, הרה"ח ר' אברהם יונגער הי"ו פון אנטווערפן.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען מיט דברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, שיר המעלות הב' שלתיאל אהרן ב"ר שלום וויינבערגער נ"י פון פלעטבוש.

נאכן בענטשן איז פארגעקומען די שלום זכור פון בן הנולד צו הרב יעקב פאגעל שליט"א ראאה"ח בכוללינו, דער רבי האט טועם געווען פון די בונדלעך און געגעבן שיריים פארן בעל שמחה און די זיידע'ס ובני משפחה און אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

שבת נותנים לו הרה"ח ר' יצחק שטערן הי"ו פון בני ברק.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א' גוט שבת'.

⋄

שבת אינדערפרי ביי אמירת תהלים האט זיך אנגעזעהן א גרעסערע ציבור, דער ביהמ"ד איז געווען פיל מקצה אל הקצה, דער רבי פארגעזאגט ביים עמוד כנהוג.

מען האט זיך געשטעלט דאווענען בשעה 10:15 ברכות - 15 מינוט שפעטער ווי געווענליך - כדי יעדער זאל האבן די געלעגנהייט צו אויסזאגן ספר תהלים כרצון קדשו פון רביה"ק זי"ע בעל ההילולא.

צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען מוה"ר מאיר סג"ל קרויס הי"ו, שחרית האט געדאווענט הרה"ח ר' אברהם יונגער הי"ו.

די עליות האבן עולה געווען: כהן כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, לוי מוה"ר מאיר סג"ל קרויס הי"ו, דער רבי האט געעגבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, שלישי אב"ד נאפקער שליט"א, רביעי הרה"ח ר' דוד ישעי' געלב הי"ו פון לאנדאן, חמישי מוה"ר יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו משב"ק,

ששי כ״ק אדמו״ר מ׳האדאס שליט״א, שביעי הרב ברוך האראוויץ שליט״א נכד רביה״ק זי״ע, הוספות: הר״ר יעקב פאגעל שליט״א, מו״ה אפרים פישל געלב הי״ו, מו״ה יצחק שמואל שווארץ הי״ו פון קרית יואל, דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, אחרון הרב יואל הלל וויינבערגער הי״ו פון וומסב״ג אב״ד סיקסא.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, דער רבי האט עולה געווען מפטיר. הגבה מוה״ר הערשל נוסנצווייג הי״ו פון וומסב״ג, גלילה מו״ה אשר אנשיל בערגער הי״ו פון קרית יואל יו״ר האיחוד.

דער רבי האט געבענטשט ראש חודש אלול מיט גרויס התעוררות, און צוגעגאנגען צו תפילת מוסף.

פתיחה צו אנעים זמירות הרה״ח ר׳ יצחק אייזיק גאלדבערגער הי״ו פון מאנסי.

נאכן דאווענען איז פארגעקומען די ברית מילה פון בן מו״ה אפרים פישל געלב הי״ו, דער רבי איז מכובד געווארן מיט סנדקאות און מכבד געווען די זיידע הרה״ח ר׳ דוד ישעי׳ געלב הי״ו פון לאנדאן. נאכן ברית האט דער רבי געבענטשט די קינד און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן און זיידע׳ס ובני משפחה.

✧

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש מוה״ר דניאל הלל פיליפסון הי״ו פון מאנסי.

אז ביום השביעי הרה״ח ר׳ יודל זילבער הי״ו פון וומסב״ג. ברהמ״ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרב יחיאל מאיר לייפער שליט״א פון מאנסי נכד רביה״ק זי״ע, שיר המעלות הב׳ דוד ב״ר יואל קלמן הערשקאוויטש נ״י תלמיד ישיבה גדולה.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי׳ן און געזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן ׳א גוט שבת׳.

✧

שבת נאכמיטאג האט פארגעלערנט פרקי אבות בהיכל ביהמ״ד הגדול הרה״ג ר׳ אברהם שלמה פאפלאנאש שליט״א מרביץ תורה בקריתינו הק׳.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען מו״ה מרדכי הערשקאוויטש הי״ו, די עליות האבן עולה געווען כהן הרה״ח ר׳ שלמה קאהן הי״ו פון קרית יואל, לוי הגה״צ אב״ד קהלתינו הק׳ מאנסי שליט״א, שלישי הרה״ח ר׳ יצחק שטערן הי״ו פון בני ברק, הגבה כ״ק אדמו״ר מ׳האדאס שליט״א, גלילה הרה״ח ר׳ משולם איסר סג״ל לאווי הי״ו פון בארא פארק.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען כ״ק אדמו״ר מ׳ספינקא שליט״א.

דער רבי האט משמיע געווען לענגערע דברות קודש, ודברי הכנה ליומא דהילולא קדישא, און אויסגעפירט מיט ווארימע ברכות מען זאל פועל׳ן אלעס גוטס בזכותו הגדול והקדוש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה״ח ר׳ שלמה גוטמאן הי״ו פון קרית יואל, הרה״ח ר׳ בעריש עסטרייכער הי״ו פון מאנסי, הרה״ח ר׳ יעקב יוסף ראטמאן הי״ו פון מאנסי, הרה״ח ר׳ יעקב משה פעקעטע הי״ו פון לאנדאן.

דער רבי האט געבענטשט ברהמ״ז על הכוס, הגבהת הכוס הרה״ג ר׳ אלעזר ליעבערמאן שליט״א ראה״ח עבודת עבודה וומסב״ג. שיר המעלות הב׳ צבי מאיר בנימין ב״ר יצחק שלמה בראדי נ״י פון מאנסי.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב דערנאך געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס צו הבדלה מוה״ר חיים ראטענשטיין הי״ו מלמד בת״ת עבודת משולם פייש מאנסי, די הבדלה האט געהאלטן מוה״ר יעקב יצחק יואל וויינגארטן הי״ו מעסקני חברת תהלים פון קרית יואל.

נאך די שיחות קודש פון רבינו שליט״א איז פארגעקומען דער מעמד חסידים מספרים, ווי מוה״ר זיידא ישראל יצחק מאירוביץ הי״ו האט אנגעפירט די פראגראם, עס האבן דערציילט זכרונות ימי קדם הרה״ג ר׳ משה מאירוביץ שליט״א, הרה״ח ר׳ אברהם יונגער הי״ו, הרה״ח ר׳ אפרים פישל פעלבערבוים הי״ו, הרה״ח ר׳ יהוסף צבי ראטענבערג הי״ו, און מוה״ר שלמה יואל גרינהוט הי״ו.

שפעטער איז דער רבי ארויס צום ציון הקדוש פון רביה״ק זי״ע, דער רבי האט געצינדן ליכט און געליינט קוויטלעך, געזאגט מזמורי תהלים מיט גרויס התעוררות פועל׳נדיג ישועות ורפואות לנו ולכל ישראל.

## זונטאג פר׳ שופטים

**טויזנטער אידן האבן זוכה געווען אויסצו׳פועל׳ן ישועות ורפואות וכל משאלות לבם לטובה, אינעם עלעפטן יומא דהילולא קדישא ז״ך מנחם אב, בזכותו הגדול פונעם הייליגן בעל ההילולא, אבינו רועינו רבינו הקדוש זי״ע, און מיט א באזונדערע התרוממות דקדושה איז געפראוועט געווארן די גרויסע טאג ביי אנשי שלומינו המקושרים לאילנא דחיי, בצילא דמהימנותא קדישא פון בנו ממלא מקומו וממשיך דרכו בקודש כ״ק מרן רבינו שליט״א, אין קרית מלך רב קריתינו הקדושה.**

**בימי הילולא קדישא האט קריתינו הקדושה געווירבלט מיט אומגעהויערע מאסן, פון טויזנטער אידן בליעה״ר, זקנים עם נערים, וועלכע האבן עולה רגל געווען און געקומען מרחוק ומקרוב ביום הגדול המסוגל ז״ך אב אינעם הייליגן שטאט אשר שם חלקת מחוקק ספון, ווי מען האט פארגאסן נחלי דמעות לישועת הכלל והפרט, וכל משאלות לבבם לטובה בזכותו של אותו צדיק עמוד צלותהון דישראל.**

פאלגענד איז א דעטאלירטע באריכט פון די יומא דהילולא

קדישא:

זונטאג נאכמיטאג פון 4:00 ביז 8:45 האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

פארנאכטס איז דער רבי ערשינען בהיכל ביהמ"ד הגדול צו תפלת מנחה ומעריב. צו מנחה איז צוגעגאנגען הרב יוסף מאיר הערשקאוויטש שליט"א מנהל בית צירל.

נאך מנחה איז דער רבי צוגעטרעטן ברגש אש קודש צום עמוד און געצינדן די ליכט לע"נ, און דערנאך יורד געווען לפני התיבה צו תפילת מעריב, די ביהמ"ד איז געווען אנגעפילט מיט א ריזן ציבור תושבי קריתינו הק', און פילע אורחים החשובים וועלכע האבן זוכה געווען זיך צו געפינען אינעם הייליגן שטאט ביומא דהילולא קדישא.

תיכף נאך מעריב איז סערווירט געווארן א רייכע סעודת הילולא פארן גאנצן ציבור. דער היכל ביהמ"ד הגדול איז געווען צוגעגרייט מיט א מייסטערהאפטיגן אויסשטעל אריינעמענדיג אין זיך די גאנצע היכל הביהמ"ד מקצה אל קצה מיט די מאקסימאלסטע זיץ פלעצער, א ריזן 3 שטאק אויבן אן אויף דרום זייט, וואו עס האבן באשיינט די חתני דבי נשיאה פון רביה"ק זי"ע, כ"ק אדמו"ר מהאדאס, כ"ק גאב"ד טאהש מאנסי, כ"ק אדמו"ר מספינקא, דיינֵי קהילותינו הקדושות, ורבני עיר מאנטריאל, בני וחתני רבינו שליט"א, ונכדי רביה"ק זי"ע.

ביים ערשיינען צום עריכת שלחן הטהור, האט דער רבי




מ

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה

גדלו לה' אתנו, על רוב רחמיו וחסדיו שגמלנו,
שהחינו וקימנו והגיענו, ליום כלולת בנינו יקרינו, ה"ה

הבחר החתן המופלג בתוי"ש
כמר **שלום ישכר דוב** ני"ו

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה
מרת **שרה** תחי'

הננו מתכבדים בזה להזמין בקריאה של חיבה את מע"כ וב"ב,
לבוא ולשוש אתנו בשמחה של מצוה ונרוממה שמו יחדיו,
אשר נחוג בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומצלחת

ביום ג' לסדר כי תבנה בית חדש (כי תצא)
ה' אלול שנת תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט
(למספרם Aug. 18 '26)

קבלת פנים בשעה 6:00 החופה בשעה 7:00

באולם עטרת מאיר צבי
38 Bnei Yoel Dr. Highland Mills N.Y.

וכן יעזרנו הקב"ה ברחמיו וחסדיו, בכלל כל ישראל ובפרטיו,
לשובע שמחות יראנו, ובביאת משיח צדקנו, במהרה בימינו, אמן סלה.

ידידכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
יואל מארקאוויטש וב"ב
קרית יואל יצ"ו

הורי הכלה
איתמר לייפער וב"ב
קרית יואל יצ"ו

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

*המחותנים*

ארייַנצולייגן
אייער הזמנה
ביטע רופט
אריין צום
מערכת
**718.451.8674**
עקסטענשן
840

געציינדן לעכט און זיך געוואשן צום סעודה. במשך די סעודה האט די מקהלות המנגנים דחצרות קדשינו אנגעפירט מיט די ניגונים המקובל מבית מדרשו של רבי, און דער גאנצער עולם איז מיטגעשלעפט געווארן מיט א שטיק בענקשאפט און התעוררות ביים זינגען די הייליגע ווארימע ניגונים.

דער רבי האט געמאכט די סיום הש"ס וואס איז געלערנט געווארן דורך אנשי שלומינו לעילוי נשמתו פון רביה"ק זי"ע, און געזאגט קדיש. דערנאך טועם געווען פון די פיש און ארויפגעשיקט שיריים פארן גאנצן עולם, געמאכט א בופה"ג, און געוואונטשן לחיים פאר גאנצן ציבור זקנים עם נערים א לענגערע צייט.

דער רבי האט אויפגעטרעטן מיט פלאם פייערדיגע דברות קודש דברי חיזוק והדרכה, ממשיך צו זיין די הייליגע וועגן, זיך צו האלטן באחדות צוזאמען אין די בתי מדרשים וועלכע רביה"ק זי"ע האט אוועקגעשטעלט, ווי מען פירט זיך ווייטער אויף זיין הייליגע דרך בתורה ועבודה ויראת שמים, אזוי וועט רביה"ק זי"ע קענען משפיע זיין אויף אונז פון אויבן אלע השפעות טובות, אויספירענדיג מיט ווארימע ברכות לרוב.

דער רבי האט געבענטשט על הכוס, הגבהת הכוס הרה"ח ר' דוד ארי' פריעדמאן הי"ו פון בארא פארק, שיר המעלות הב' ב"ר ישעי' יואל גראס נ"ו פון וומסב"ג.

נאכן בענטשן האט דער רבי געוואונטשן פארן ציבור גע'פועל'ט אלעס גוטס און זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

⟡

שפעטער ביינאכט איז דער רבי ארויס צום ציון הקדוש פון רביה"ק זי"ע. דער רבי האט געצינדן ליכט און זיך משתטח געווען אויפן ציון הקדוש, און פארגאסן טייכן טרערן פועל'נדיג ישועות ורפואות פאר גאנץ כלל ישראל, דער רבי האט געזאגט מזמורי תהלים, און דערנאך געליינט קוויטלעך.

## מאנטאג פר' שופטים - ז"ך אב

אינדערפרי בעצם יומא דהילולא קדישא איז דער רבי ערשינען אין היכל ביהמ"ד הגדול בשעה 7:40 צו תפלת שחרית, אינאיינעם מיט כל הקהל הקודש זקנים עם נערים ותלמידי הישיבות וילדי תשב"ה, דער רבי האט געצינדן ליכט און פארגעדאווענט פאר'ן עמוד תפילת שחרית מיט א מורא'דיגע התעוררות.

ביים ליינען איז געווען בעל קורא הרב הגאון דומ"ץ קהלתינו קרית יואל שליט"א, די עליות האבן עולה געווען: כהן הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא לאנדאו הי"ו פון וומסב"ג, לוי רבינו שליט"א, שלישי אב"ד מישקאלץ שליט"א, הגבה הרה"ג ר' אלימלך סג"ל טירנויער שליט"א פון וומסב"ג, גלילה הרה"ח ר' מנחם מענדל סאלאמאן הי"ו פון בארא פארק.

נאך שחרית איז פארגעקומען די מסיבת לחיים ביים דרום זייט פון ביהמ"ד, מען האט געזינגען אהבה רבה און נאך ניגוני הילולא, און דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

דערנאך האט דער רבי געמאכט א סיום אויף ששה סדרי משנה, און געטרינקען און געווינטשן לחיים פארן גאנצן ציבור, מען זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס.

⟡

תיכף דערנאך איז דער רבי ארויס צום ציון הק' אין באגלייטונג פון א ריזן ציבור חסידים ואנשי מעשה, דער רבי האט זיך אנגעליינט אויפן ציון הק' פאר עטליכע מינוטן, און דערנאך זיך געשטעלט אויפן רעכטן זייט פונעם ציון הק' - אויפן ספעציעלן שטענדער געקויפט דורך תלמידיו היקרים תלמידי ישיבתינו הק' ישיבה גדולה אוה"ח צום יומדה"ל לזכות ולכבוד מרן רבינו שליט"א ריש מתיבתא קדישא - ווי מען האט אין א התעוררות'דיגע שטימונג אנגעהויבן גאנץ ספר תהלים בהשתפכות הנפש, און די בכיות ביי אלע אנוועזנדע איז געווען עד לב השמים.

א חרדת קודש האט ארומגענומען דעם גאנצן ציבור ווען עטליכע מאל משכ'ן תהלים זאגן האט דער רבי זיך אנגעליינט אויפן ציון הק' בבכיות נוראות, פועל'נדיג ישועות ורפואות למען הכלל והפרט.

נאכן ענדיגן גאנץ ספר תהלים האט רבינו שליט"א געהייסן די משב"ק הרה"ח ר' יעקב יוסף כהנא שליט"א אויסצורופן מען זאל זאגן אינאיינעם קאפיטל קכ"א לרפואת מרן אדמו"ר מ'וויזניץ שליט"א.

נאך יהי רצון און י"ג מדות של רחמים האט דער רבי געזאגט קדיש. און דערנאך האט רבינו שליט"א געליינט קוויטלעך פונעם ציבור פאר איבער א שעה צייט.

פון 1:30 נאכמיטאג ביז 9:00 פארנאכטס, האט דער רבי אויפגענומען א גרעסערע ציבור קבלת קהל לברך ולהתברך, בחדר הפרטי פון רביה"ק זי"ע בבנין הישיבה.

⟡

במשך'ן גאנצע 24 שעה פונעם יומא דהילולא קדישא האט זיך נישט אפגעשטעלט דער ענדלאזער שטראם פון טויזנטער אידן וועלכע זענען געקומען מתפלל זיין אויפ'ן ציון הקדוש, קריתינו הק' איז געווען באלאגערט מיט טויזנטער אידן וואס האבן נישט אויפגעהערט צו שטראמען און מ'האט איינגעריסן אויף ישועתן של ישראל מיט אן התעוררות נפלא, זייענדיג נכון לבם בטוח בזכותו פונעם בעל הילולא, אז מ'האט גע'פועל'ט אלעס גוטס.

אזוי אויך איז במשך'ן גאנצן מעת לעת געווען צוגעשטעלט ברייט צו עסן בהיכל הטישן פאר די טויזענטער אורחים, להחיות בהם נפש כל חי, לע"נ רביה"ק זי"ע.

**זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו, מען זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס.**

# פּרישׁ

אויפן קול איחוד

אפדעיט #34

ר"ח אלול תשפ"ו לפ"ק

## מעמדים ומאורעות בחצרות קדשינו

- סעודת הילולא קדישא וסיום הש"ס ביומא דהילולא קדישא ז"ך אב תשפ"ו בצל הקודש | 521861
- מסיבת לחיים אחר תפילת שחרית בעצם יומא דהילולא קדישא - ז"ך אב | 521862
- עלי' לציון הקדוש ואמירת כל ספר תהלים ביומא דהילולא קדישא - ז"ך אב | 521863
- מעמד "חסידים מספרים" מוצש"ק ראה לפני הילולא קדישא - אחר הבדלה בצל הקודש | 4521861
- שלחן הטהור סעודת ראש חודש מנחם אב | 510864
- עלי' לציון הקדוש - דברות קודש - שלחן הטהור סעודת הילולא של רבינו אוה"ח הק' זי"ע - ט"ו תמוז תשפ"ו | 52486
- שבת המרומם "בני חביבי" - תלמידי ישיבה גדולה אור החיים קריתינו הק' על הרי קאנאדא - שב"ק קרח | 4638675
- שלחן הטהור סעודת ראש חודש תמוז | 510863
- שלחן הטהור סעודת הילולא של רבינו השרף זי"ע - כ"ח סיון בצל הקודש | 52386
- מעמד חומש סעודה לילדי תלמוד תורה בית יודא קריתינו הק' - עש"ק שלח בהיכל ביהמ"ד הגדול | 578619
- מעמד חומש סעודה לילדי תלמוד תורה עבודת משולם פייש מאנסי - א' שלח - בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א| 578618
- שבת המרומם לפני הילולא קדישא כ"ח סיון - בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א - בהיכל ישיבה גדולה תורת משולם פייש ניו יארק - שב"ק פר' בהעלותך תשפ"ו | 578617
- הנחת אבן הפינה לבנין החדש דישיבה גדולה תורת משולם פייש ניו יארק - עש"ק בהעלותך | 46386751
- מעמד הבאגלייטן מוצאי חג השבועות תשפ"ו | 51786
- שלחן הטהור סעודת ר"ח סיון - מיוחד לתלמידי ישיבותינו הקדושות בהיכל ביהמ"ד הגדול | 510862
- סעודת ברית מילה של הילד שמעון נ"י בן הגה"צ רבי שמואל פריעדמאן שליט"א חדב"ן - ג' במדבר | 5347
- לחיים אחר הנחת תפלין לנכד רביה"ק זי"ע הב' בן הרב אלימלך נפתלי הירצקא סג"ל לאווי שליט"א בהיכל ישיבה קטנה תפארת משולם פייש ניו יארק - ב' במדבר | 578616
- שמחת הבר מצוה הנ"ל בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א - א' במדבר בקרית יואל | 578615
- שלחן הטהור לכבוד ל"ג בעומר - ושמחת התנאים בחצרות קדשינו - וסיום מס' בבא בתרא בחבורת מזון הנפש ה' עמודים - ל"ג בעומר תשפ"ו | 516863
- מעמד הדלקה ליל ל"ג בעומר תשפ"ו בצל הקודש | 516862
- שבת איחוד תשב"ר - פרשת אח"ק תשפ"ו | 578614

## דברות קודש מאת כ"ק מרן רבינו שליט"א

- דברות קודש בעת רעוא דרעוין בשבועות העעל"ט | 312
- שיחות קודש מוצאי שבת קודש בשבועות העעל"ט | 322
- דברות קודש אצל מסיבת לחיים אחר תפילת שחרית ביומדהל"ק ז"ך אב | 3428
- דב"ק אצל שלחה"ט סעודת הילולא קדישא ז"ך אב | 3427
- דב"ק אצל שלחן הטהור ר"ח אב בביהמ"ד הגדול | 33025
- דברות קודש אצל המעמד "בוקע רקיעים" על הטעל. לחיזוק לימוד ספה"ק אור החיים - ב' פנחס ט"ו תמוז | 3822
- דב"ק אצל שלחה"ט ר"ח תמוז בביהמ"ד הגדול | 33024
- דב"ק אצל שלחה"ט ר"ח סיון מיוחד לתלמידי ישיה"ק | 33023
- ביקור כ"ק אדמו"ר מ'קרעטשניף וומסב"ג שליט"א בביתו נאוה קודש של כ"ק מרן רבינו שליט"א - א' קרח | 39865
- ביקור כ"ק אדמו"ר מ'סאטמאר שליט"א בביתו נאוה קודש של כ"ק מרן רבינו שליט"א - ב' קרח | 39866

## דרשות ושיעורים אפטיילונג

- דרשות אצל המלוה דמלכות לפני הילולא קדישא ז"ך אב בבתי מדרשינו - מוצש"ק ראה | 4521862
- שיעור הכנה ליומדה"ל ע"י הרה"ג דומ"ץ קהלתינו ק"י שליט"א בישיבה גדולה תורת משולם פייש - ה' ראה | 46386624
- שיעור הכנה ליומדה"ל ע"י הרה"ג ר' מרדכי בעריש מערמעלשטיין שליט"א בישיבה תפמ"פ - ה' ראה | 46486215
- שיעור הכנה ליומדה"ל ע"י הרה"ג ר' מרדכי מערץ שליט"א נכד רביה"ק זי"ע - ה' ראה על קול איחוד | 44125131
- שיעור הכנה ליומדה"ל ע"י הרה"ג ר' יששכר דוב מאירוביץ שליט"א - בישיבה גדולה תורת מ"פ - ד' ראה | 46386625
- שיעור הכנה ליומדה"ל ע"י הרה"ח ר' אברהם יונגער שליט"א מאנטווערפן בישיבה גדולה תורת מ"פ - ג' ראה | 46386623
- דרשת חיזוק בתורה ותפלה ע"י הגה"צ אב"ד מכלל יופי שליט"א בהיכל ישיבה גדולה אור החיים - ב' עקב | 46186212
- שמועס מהגה"צ אב"ד קהל יראים שליט"א לתלמידי ישיבה גדולה תורת משולם פייש ניו יארק - ד' עקב | 46386622
- דרשת הכנה לחזרה ע"י הרה"ג ר' יונה פישער שליט"א בהיכל ישיבה גדולה אור החיים - א' עקב | 46186211
- דרשת הרה"ג ר' חיים הערש מענדלאוויטש שליט"א מו"ל שפתי חן בהיכל ישיבה קטנה תמ"פ - עש"ק עקב | 46486610
- דרשה מענין צווייטע וועלט מלחמה - ביום תשעה באב - בהיכל ישיבה גדולה אור החיים | 46186214
- דרשה בענין חזרה ע"י הרה"ג ר' ראובן זאבעל שליט"א - בהיכל ישיבה קטנה תמ"פ ניו יארק - א' דברים | 46486213



מקושר פון איבעראל

קול איחוד טאהש

718.451.TOSH | 514.500.TOSH

צענטראלע נומערן:

514.500.TOSH (8674)

718.451.TOSH (8674)

| אפסטעיט ניו יארק: | ענגלאנד: | ארץ ישראל: |
|---|---|---|
| 845.351.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074 |

**1 — בחצרות קדשינו**
מודעות, אינטערוויא'ס, שמחות אנ"ש, סיפורים על רביה"ק זי"ע, נוצבארע סערוויסעס אויפן וועג קיין טאהש, התאחדות אפטיילונג

**2 — אוצר קולו בקודש**
היסטארישע ריקארדירונגען פון כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע
תפילות – דברות קודש – מועדי השנה – ביקורי אדמורי"ם – ועוד

**3 — דברות קודש**
מאת כ"ק מרן רבינו שליט"א
רעוא דרעוין - שיח"ק מוצש"ק - במועדי השנה - בעידן חדותא - לתלמידי הישיבה - ועוד

**4 — דרשות שיעורים וחבורות**
הנאמרים ונלמדים בקהילותינו הקדושות
מזון הנפש – לומדי תהלה – עבודת עבודה
פרשה - גמרא – הלכה – מועדים וזמנים - חיזוק ומוסר – בישיבותינו הק' – חינוך – טעכנאלאגיע – הספדים

**5 — מעמדים ומאורעות**
בחצרות קדשינו במשך השנים
מועדי השנה – סעודות הילולות – שמחות בחצרות קדשינו – ועוד

**6 — ניגונים ונוסחאות**
ניגוני בית טאהש ונוסחאות התפלה במועדי השנה

**7 — הוק-אפ סיסטעם**
מיטצוהאלטן פארשידענע שיעורים און מעמדים בחצרות קדשינו
און צו איבערהערן גלייך נאכדעם.

**8 — מערכת איחוד טאהש**
אלע אפטיילונגען פונעם מערכת האיחוד
קול איחוד – מתאחדת – טעלפאון ביכל – באור החיים – להתאחד בחורי אנ"ש – חברה ש"ס - ועוד

**9 — קהילות ומוסדות אינפארמאציע צענטער**
ווי איר קענט אייך פארבינדן מיט אלע קהילות ומוסדות אנגעלעגנהייטן

מזון הנפש

בעזהשי"ת

## סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

= פרשת כי תצא =

| | ז' עמודים - מסכת מנחות | | ה' עמודים - מסכת סנהדרין | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק שופטים | דף כג: | דף כ. | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף כד. | דף כ: | דף לז: | דף לד. |
| מאנטאג | דף כד: | דף כא. | דף לח. | דף לד: |
| דינסטאג | דף כה. | דף כא: | דף לח: | דף לה. |
| מיטוואך | דף כה: | דף כב. | דף לט. | דף לה: |
| דאנערשטאג | דף כו. | דף כב: | דף לט: | דף לו. |
| עש"ק | דף כו: | דף כג. | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' ששח"ב ר"ה

חבורת ז' עמודים - יז. – ל:

חבורת ה' עמודים - לב: – מב.

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא רופט קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 4-1 פון די מעין מעניו

פרנס

השיעורי תורה על 'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט

לנדב נא לקרוא להמערכת

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד לו ולזרעו להתברך בכל הברכות הכתובה בתורה עד עולם אמן

קול איחוד טאהש — מקושר פון איבעראל

718.451.TOSH | 514.500.TOSH

| | |
|---|---|
| 718.451.8674 | 514.500.8674 |
| 0.333.015.0715 | 079.704.0074 |

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט ארייצושיקן בריוון, מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:

**מיטוואך 12:00 מיטאג**


יו"ל ע"י

**איחוד תלמידי וחסידי טאהש**

פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674

11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950


גליון באור החיים | להתאחד בחורי אנ"ש | קול איחוד טאהש | חברה ש"ס | מתאחדת בלעטל | טעלעפאון ביכל | פרנסה ביחד